# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת לך לך משנת תשפ"ג לפ"ק**

## מעמד חלקינו לאנ"ש בארא פארק

**לרגל סיום מסכת יבמות והתחלת מסכת כתובות**

יום א' פרשת לך לך תשפ"ג לפ"ק

**עס** איז באמת ביי מיר א געוואלדיגע שמחה אנטייל צו נעמען יעצט ביי די סיום מסכת יבמות. עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר די אלע משתתפים, וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן די זכיה אז זיי האבן געקענט ענדיגן די מסכת, און א גרויס חלק פונעם ציבור וואס האבן אויך געגומען די בחינות.

**ווען** מען האט אנגעהויבן מסכת יבמות האב איך געטראכט, אז עס וועט אוודאי זיין א מספר פון בני תורה וואס וועלן מיטלערנען די מסכת, אבער ביי די בחינות, דארט וועט זיין א דורכפאל. דערווייל האט זיך נישט אזוי אויסגעשטעלט, און עס איז א מוסר השכל. די וואס טוען דערין זאגן, אז עס איז געווען מער יונגעלייט וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו די בחינות ביי מסכת יבמות, ווי מען האט זיך צוגעשטעלט פריער ביי אלע אנדערע מסכתות.

**עס** איז א געוואלדיגע שמחה פאר יעדן איינעם אז מען איז אנגעקומען ביז אהער. **עס איז נישט נאר א סעודה פון א סיום מסכת, אין א געוויסע זין דארף עס ביי יעדן איינעם זיין א סעודת הודאה!** דאנקען דעם רבוש"ע אז עס איז אדורך א יאר, און מען האט אזויפיל צייט געקענט אוועקגעבן פאר תורה. א שווערע מסכת דאס דורכצולערנען, און נאכדעם איבערגיין די מסכת, און זיך פארהערן, נישטא גענוג ווערטער מען זאל עס קענען ארויסברענגען צו דאנקן דעם אויבערשטן.

**איך** פערזענליך, מיין הארץ צוגייט פאר שמחה! ווען איך זעה אז די יונגעלייט האבן זיך אוועקגעגעבן פאר תורה א גאנץ יאר און מען האלט ביי א סיום פון מסכת יבמות, נישטא גענוג ווערטער צו דאנקען דעם רבוש"ע אויף דעם חסד ה'.

**אין** אזא דור המבול ווי אונז זענען היינט, פונדעסטוועגן דאך זאל מען קענען צוקומען צו דעם. מען רעדט נישט פון כולל יונגעלייט וואס זיצן באהלה של תורה א גאנצן טאג, מען רעדט דאך פון רובם ככולם זענען דאך ארבייטערס, מען גייט ארויס פאר פרנסה, און עס איז נאר אין די שעה'ן וואס מען גנב'עט אראפ פון די זייטיגע צייטן האט מען דאס געקענט באוויזן. יונגעלייט וואס דרייען זיך אויף די גאסן אין די אפענע וועלט, און פונדעסטוועגן האט מען זיך מקדיש זיין פאר תורה. עס איז נישטא גענוג ווערטער ארויסצוברענגען א שבח והודאה פאר'ן אויבערשטן אויף דעם סעודה.

**איך** וועל עס צושטעלן צו א דבר תורה. די פאריגע וואך אין די פרשה פארציילט די תורה, נח איז

ארויסגעגאנגען פון די תיבה און ער האט געטראפן א וועלט וואס איז חרוב, מען דארף אויפשטעלן די וועלט פונדאסניי, עס איז נישט געווען גארנישט אויף די וועלט, א מדבר שממה. וואס ער האט געהאט אין די תיבה דאס איז געבליבן, אויסערדעם איז גארנישט געווען, נישט קיין ביימער נישט קיין גראז, נישט קיין הייזער, קיין שום חפץ בעולם איז נישט געווען אויף די וועלט ווען ער איז ארויסגעקומען פון די תיבה.

**'ויחל** נח איש האדמה' (בראשית ט-כ), ער האט אנגעהויבן צו טוען אין ישוב העולם, 'ויטע כרם' - און ער האט איינגעפלאנצט א כרם. און חז"ל (בראשית רבה לו-ג, הובא ברש"י) טוען באשולדיגן נח, פארוואס ער האט אנגעהויבן תיכף מיט א כרם, עס האט זיך נישט גוט אויסגעלאזט די פרשה פון דעם כרם וואס ער האט איינגעפלאנצט. אבער 'נח איש צדיק תמים היה בדורותיו' (בראשית ו-ט). נח האט זיך געהאט זיינע חשבונות, ער האט אויך געוויסט ער דארף אויפשטעלן יעצט א וועלט, און ער דארף אנהייבן מיט איין זאך און פון דעם וועט ער גיין ווייטער, און פונדעסטוועגן דאך האט ער די ערשטע זאך געמאכט א כרם. [עס איז נישט וויל ער האט געוואלט טרינקען א גלעזל וויין, עס איז מעגליך אז ער האט געהאט וויין גענוג אין די תיבה אויף וואס ער האט זיך מיטגענומען, וואס ער האט אוועקגעלייגט יין ישן ווערט נישט קאליע אין די תיבה] און ער איז געגאנגען ער האט איינגעפלאנצט א כרם.

**איך** האב געזעהן שטיין פון **אמרי אמת** (ליקוטים עמ' 156), האט ער געזאגט, אז די גמרא (בבא בתרא נח:) זאגט דאך בריש כל אסוון אנא חמר, וויין דאס איז די הויפט פון די רפואות, וויין האט אין זיך א כח פון רפואה. ווען נח איז ארויסגעקומען פון די תיבה איז ער געווען אפגעשוואכט. עס איז דאך געווען 'הכישו הארי' (רש"י בראשית ז-כג), איז ער דאך קראנק געווען פון דעם וואס דער ארי האט אים געביסן, מעדעצינען איז נישט געווען. איז ער געגאנגען 'ויטע כרם', האט ער איינגעפלאנצט א כרם כדי ער זאל קענען האבן דערפון וויין פאר א רפואה. זאגט ער, 'ויחל נח', נח איז געווארן א חולה פון דעם וואס עס איז געווען אין די תיבה, איז 'ויטע כרם' האט ער איינגעפלאנצט א כרם, צו קענען מאכן וויין פאר זיין רפואה.

**אבער** קען זיין דער פשט דערפון איז, עס איז דא ארבעה צריכין להודות (ברכות נד:). א איד דארף אפגעבן הודאה פאר'ן אויבערשטן שטענדיג, על נסיך שבכל יום עמנו, אונז זענען פיל מיט ניסים, פיל מיט טובות וואס אונז באקומען פונעם אויבערשטן. מען קוקט נאר אייביג אויף דעם וואס עס פעלט, מען קוקט נישט אויף וואס מען האט יא, וויפיל יעדער איינער איז שולדיג פאר'ן רבוש"ע אויף דעם חסד וואס דער אויבערשטער טוט מיטן מענטש.

**די** חכמים האבן מתקן געווען ארבעה וואס זענען צריכין להודות, פיר איז דא וואס זיי זענען אדורכגעגאנגען א אויסערגעוועהנליכע זאך און זיי דארפן דאנקן דעם אויבערשטן. פון דעם איז, א חולה שנתרפא, און יוצא מבית האסורים, עוברי ימים, און הולכי מדבריות. פארדעם איז געשטעלט די קאפיטל פון 'הודו' (תהלים קז) ארויסצוברענגען די ארבעה צריכים להודות.

**נח** איז אין דעם יאר אריבערגעגאנגען אלע ארבעה צריכין להודות. ער איז געווען אין א בית אסורים איינגעשפארט א גאנץ יאר, ער האט נישט געקענט ארויסגיין פון דארטן, משפט רשעים בגהנם י"ב חודש, און אזוי איז געווען די משפט פון דור המבול (עדיות ב-י). דער **חתם סופר** זאגט (עה"פ 'אלה תולדות נח' ד"ה א"י), עס איז געווען א גיהנום געווען פאר נח, ער האט געדארפט געבן צו עסן פאר אלע בהמות און חיות, און ער האט זיך נישט געקענט רירן, די תיבה איז געווען אנגעפולט מיט אלע סארט באשעפענישן, און ער האט מיט יעדן איינעם זיך געדארפט אויסקומען, געווען ערגער ווי צו זיצן אין א תפיסה מיט קרימינאלען, צו זיצן צווישן לייבן און בערן וכדומה. ער איז א יוצא מבית אסורים, ער איז ארויסגעגאנגען יעצט פון דעם בית האסורים.

**ער** איז געווען א חולה שנתרפא. אין גמרא (סנהדרין קח:) שטייט, אז נח איז נישט געשלאפן קיין נעכט אין די תיבה, עס זענען דא בהמות וואס עסן בייטאג, בהמות וואס עסן ביינאכט, און ער האט

פאר יעדן איינעם געדארפט צושטעלן זיין עסן [מיט די פאר קינדער וואס ער האט געהאט], פאר צענדליגער טויזנטער בעלי חיים וואס איז געווען פון אלע מינים.

**עוברי** ימים, איז ער דאך זיכער געווען. עס איז דאך געווען א מבול. אזוי אויך איז די וועלט געווארן א מדבר, עס איז געווען הולכי מדבריות. האט ער געדארפט דאנקען דעם אויבערשטן. אין אומרים שירה אלא על היין (ברכות לה.), זאגן שירה פאר'ן אויבערשטן איז פארבינדן מיט וויין, אז מען וויל דאנקן דעם אויבערשטן מאכט מען א משתה, און די משתה איז יין.

**נח** קומט ארויס פון די תיבה און ער דארף דאנקען דעם רבוש"ע אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט אים געטוען. דאס ערשטע זאך איז 'ויטע כרם', ער דארף האבן וויין כדי ער זאל קענען מאכן א משתה און דאנקען דעם אויבערשטן, זאגן שירה על היין. נישט נאר שירה אויף ארבעה צריכין להודות, נאר אויך אויף דעם חסד ה' אז א גאנצע וועלט איז חרוב געווארן, און ער מיט זיינע קינדער זענען די איינציגסטע וואס זענען געבליבן! איין שטוב וואס איז געבליבן ערליך! וויפיל מסירת נפש איז געלעגן אין דעם ער זאל קענען בלייבן ערליך? וויפיל הודאה דארף ער געבן פאר'ן רבוש"ע?!, די גאנצע וועלט איז חרוב געווארן, מיך מיט מיינע קינדער האסטו איבערגעלאזט, און ב"ה געזונט און ערליך וכו'. 'ויחל נח איש האדמה ויטע כרם', האט ער איינגעפלאנצט א כרם ער זאל האבן וויין, געבן שירה פאר'ן אויבערשטן.

**אבער** עס ליגט דערין נאך מער. די משנה זאגט (תענית כו:), לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב ויום הכיפורים. און די גמרא (שם ל:) מוטשעט זיך, בשלמא יום הכפורים ווייסט מען אז עס איז א יום סליחה ומחילה, איז עס א יום טוב, יעדער איד גייט ארויס ריין פון זיינע עבירות, נישטא קיין גרעסערער יום טוב פון דעם. וואס איז אבער דער יו"ט פון חמשה עשר באב? איז דא מערערע דיעות אין די גמרא. איין דיעה אין די גמרא איז, אז ביז דעמאלטס האט מען געשניטן האלץ פאר'ן מזבח, און אזוי ווי ט"ו באב איז שוין תשש כח החמה די זון איז שוין שוואכער, און די האלץ ווערט שוין נישט געננוג אויסגעטריקענט אז מען זאל עס קענען נוצן פאר'ן מזבח, האט מען אויפגעהערט צו שניידן די האלץ פאר'ן מזבח, האט מען קובע געווען אויף דעם א יו"ט.

**פשוט** לערנט מען דעם פשט דערפון ווי עס שטייט אין **ים של שלמה** פונעם מהרש"ל (בבא קמא ז-לז) אז עס איז אזויווי א סעודת סיום, מען האט געענדיגט א מצוה האט מען געמאכט א סעודה, מען ענדיגט א מסכת מאכט מען א סעודה, מען האט געענדיגט צוצוגרייטן האלץ פאר'ן מזבח, האט מען געמאכט א סעודה.

**רבינו גרשום** טייטשט אנדערש. רבינו גרשום זאגט, אז מען איז געווען פארנומען דעם גאנצן זומער צוצוגרייטן האלץ פאר'ן מזבח, און מען האט נישט געהאט קיין צייט צו לערנען, האט דאך געפעלט פון לימוד התורה, 'פקודי ה' ישרים משמחי לב' (תהלים יט, ט), די חשוב'סטע זאך לימוד התורה האט געפעלט. חמשה עשר באב מען האט אוועקגעלייגט די העק און מען מער נישט געהאקט קיין האלץ פאר'ן מזבח, האט מען דאך געקענט צוריקגיין צו די גמרא און זיך זעצן לערנען, האט מען געמאכט א יו"ט חמשה עשר באב אויף דעם וואס מען גייט צוריק לערנען תורה.

**נח** איז געווען א 'איש צדיק תמים היה בדורותיו', נח למד תורה (רש"י בראשית ז-ב), ער האט געלערנט, א צדיק תמים געווען. ער האט געהאט איין יאר וואס ער האט נישט געקענט עפענען קיין ספר, די יאר וואס ער איז געווען אין די תיבה. ער איז געווען פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט צו געבן עסן פאר די אלע בעלי חיים וואס זענען דארט געווען. ער איז שוין אויסגעגאנגען פאר א שטיקל גמרא, זיך צו קענען זעצן לערנען! מען האט געעפענט די טיר פון די תיבה און מען גייט ארויס, ער איז שוין פריי פון אלעם. זיין גרעסטע שמחה איז געווען יעצט אז מען קען אנהייבן צוריק צוגיין צו לימוד התורה. אזויווי חמשה עשר באב, מען האט געענדיגט די ארבעט און מען קען צוריקגיין לערנען. האט ער געוואלט זאגן שירה פאר'ן אויבערשטן, אז דער באשעפער האט אים געגעבן די געלעגנהייט ער קען צוריק

גיין לערנען, וואס א גאנץ יאר האט ער נישט געלערנט, איז 'ויטע כרם' איז ער געגאנגען האט ער איינגעפלאנצט א כרם!

**די** תורה רופט אים אן, 'ויחל נח', נח איז געווען חולין טייטשט רש"י, 'איש האדמה' רופט אים אן די תורה. פריער איז ער געווען א 'איש צדיק תמים', און יעצט אן 'איש האדמה'. ער איז געווען א יאר וואס 'ויחל נח' ער איז געווארן חולין. אז מען לערנט נישט קיין גמרא, ווערט מען א איש חולין, מען ווערט א ליידיגער מענטש, עס גייט אוועק די קדושת התורה וואס מען האט געהאט. פון דעם וואס ער פלעגט זיין א 'איש צדיק תמים בדורותיו', איז ער געווארן א 'איש האדמה' א גשמיות'דיגער מענטש, אזויווי איינער וואס לערנט נישט. אן עם הארץ ווערט אנגערופן על שם ארץ, על שם אדמה. 'ויחל נח' - נח האט זיך אנגעקוקט וואס איז געווארן פון מיר, איך בין געווארן א איש חולין, איש האדמה איך בין געווארן אן ערדישער מענטש. יעצט אז דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן איך גיי ארויס פון די תיבה און איך קען זיך צוריק זעצן לערנען, דארף איך געבן א שבח והודאה פאר'ן אויבערשטן, און שירה קען מען נישט זאגן נאר על היין. ממילא 'ויטע כרם' איז ער געגאנגען איינגעפלאנצן א כרם אז ער זאל קענען געבן א שבח והודאה אויף דעם וואס ער איז אדורכגעגאנגען.

**די** זעלבע איז ביי אונז אלע. מען האט דאך טירדות און זאכן וואס שטערן אז מען זאל קענען קובע זיין די עתים לתורה, און אז עס זאל נישט אדורכגיין קיין טאג אן דעם וואס מען האט געלערנט. און עס איז דאך דא ענינים פון פרנסה וואס שטערן דעם מענטש, און עס איז דא זאכן וואס מען ווערט געשטערט פון פראבלעמען אין שטוב, און מען האט נישט דעם ישוב הדעת. עס איז דא שמחות און חתונות קע"ה, און מען ווערט פארנומען און עס זעט צומאל אויס פאר'ן מענטש אז מען קען נישט אייביג לערנען. מען קען אבער יא! אז דער אויבערשטער געט אז מען האט געענדיגט די מסכת און מען זעהט ווי ווייט מען איז אנגעקומען, מאכט מען א סעודה! אונז דאנקן דעם רבוש"ע, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן אז תשפ"ב איז געווען ביי מיר א יאר וואס איך האב געענדיגט גאנץ מסכת יבמות מיט בחינות דערויף! עס איז א געוואלדיגע שמחה אז מען איז צוגעקומען דערצו!

**מען** האט גערעדט פריער, וואס איז דער חילוק צו מען לערנט 'ובהם נהגה', **וואס איז געוועהן פאר 'ובהם נהגה', און וואס איז געווארן נאך 'ובהם נהגה'? עס איז א גרויסע חילוק! ווילאנג מען לערנט נישט קיין 'ובהם נהגה' איז מען א איש האדמה, און יעצט ווערט מען א בן תורה!** א פשוטער חילוק. דער וואס לערנט נישט ער איז נישט קובע עתים לתורה, איז נישט מעגליך היינט ער זאל קענען זיין אפילו א פשוטער איד! איך רעד שוין נישט פון אן ערליכער איד, אפילו א פשוטער איד. אין אזא וועלט וואו אונז לעבן, אז אונז האבן נישט קדושת התורה וואס טוט אונז אפהיטן, איז זייער שווער אז מען זאל קענען זיך האלטן ערליך. אז מען וויל נישט זיין קיין 'איש האדמה' איך וויל נישט אויסקוקן אזויווי די גויי הארץ, איך וויל נישט אויסקוקן אזויווי די וואס זענען ליידיג, איז נישטא קיין אנדערער וועג דערצו נאר זיך מדבק זיין אין תורה!. און די דביקות התורה איז נישט גענוג וואס מען האט אדורכגעלערנט די עמוד גמרא, מען נעמט דערצו אויך די בחינות! אויב ער דארף לערנען מיט א בחינה, לערנט ער אויף איינגאנצן אן אנדערע אופן, און ער ליגט אין לערנען און ער טראכט פון לערנען אפילו ווען ער איז נישט ביי די גמרא. וויבאלד ער דארף נעמען א בחינה סוף חודש, לערנט ער שוין אנדערש דעם גאנצן חודש, ווייל ער דארף קענען סוף חודש די בלעטער וואס מען האט געלערנט. — און דאס טוישט דעם מענטש! פון א איש האדמה ווערט מען א בן תורה.

**נח** האט אויפגעשטעלט א שטוב אין א דור המבול. ער מיט זיינע קינדער זענען געבליבן אן ערליכע שטוב. וויאזוי ער האט עס געמאכט? ווייס איך נישט. ווי קען זיין אז מען זאל לעבן אין א דור המבול און מען דארף דאך האבן א חברותא מען דארף דאך רעדן מיט מענטשן, די קינדער דארפן זיך חבר'ן מיט איינעם, און פונדעסטוועגן דאך איז זיין שטוב געבליבן אן ערליכע שטוב? זאגט רש"י ווייל נח למד תורה. נח האט געלערנט תורה. אז מען לערנט תורה איז תורה מקדש זיך, איז די תורה מקדש די שטוב. עס איז אן אנדערע שטוב ווען מען

ווייסט אז דער טאטע זיצט און לערנט, דער טאטע איז נישט פריי שטענדיג און האט צייט פאר אלעם, ער דארף לערנען דעם שיעור יעדע נאכט. עס קומט א בחינה, מען הערט צוריק פון אלע יונגעלייט וואס אין דעם טאג איז מען אינגאנצען אפגעשיידט פון די שטוב, און יעדער ווייסט אז דעם טאג קען מען איהם נישט באדערן אויף קיין שום זאך, ווייל מען דארף לערנען תורה. די לופט אין נח'ס שטוב איז געווען א תורה'דיגע לופט. און אז די שטוב איז א תורה'דיגע שטוב, דאס איז משפיע אויף די קינדער! די קינדער נאכדעם וואקסן אויס צו זיין צוגעבינדן צו תורה!

**עס** איז נישט דער חינוך וואס מען זאגט נאר פאר פאר קינדער זיי זאלן לערנען, דער חינוך דארף קומען דורך דעם וואס קינדער זעהן צו די אהבת תורה אין שטוב, וויאזוי זייערע עלטערן געבן זיך אוועק פאר תורה, זייער גאנצער חיות איז תורה, די שמחה וואס מען האט ווען מען קען די בחינה די שמחה וואס עלטערן האבן אז מען האט געענדיגט די מסכת, דאס לאזט איבער די ברכה אויפן שטוב אז די שטוב ווערט שפעטער א שטוב פון תורה.

**'אלה** תולדות נח', די תולדות פון נח, ווי האט נח געקענט אויפשטעלן אזעלכע תולדות אין א דור המבול? ער האט גארנישט געדארפט טוען, נאר 'נח איש צדיק תמים היה בדורותיו', אז מען האט א טאטען אין שטוב וואס איז א 'צדיק תמים בדורותיו את אלקים התהלך נח', 'ויולד נח שלשה בנים' האט ער געהאט אזעלכע דריי קינדער ווי עס איז אויסגערעכענט אז זיי זענען געווען ראוי אז זיי זאלן ניצול ווערן פונעם דור המבול. ווייל די תורה דאס איז די איינציגע זאך וואס האלט אונז. און דאס אז די שטוב זאל זיך האלטן, און עס זאלן זיין קינדער וואס זענען ערליך, דאס נעמט זיך פון אהבת התורה וואס זיי זעהן צו אין די שטיבער.

**מען** האט פריער מסיים געווען די מסכת (יבמות קכב:), עס ענדיגט זיך 'וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך' (ישעיה נד-יג), עס ענדיגט מיט 'ורב שלום בניך', ווייל אז מען האט געענדיגט מסכת יבמות, און מען האט אוועקגעגעבן א גאנץ יאר דערויף, און די קינדער האבן דאס געזעהן וויאזוי דער טאטע האט געענדיגט מסכת יבמות, ענדיגט זיך עס מיט 'ורב שלום בניך', דו ווערסט האבן אסאך שלום ביי דיינע קינדער. דיינע קינדער האבן צוגעזעהן וויאזוי דו האסט געענדיגט מסכת יבמות פון די שווערסטע מסכתות אין ש"ס, און פונדעסטוועגן דאך האט מען דאס דורכגעלערנט און מסיים געווען, דאס געבט די ברכה פון 'ורב שלום בניך' - אז עס זאל זיין שלום, נחת ביי די קינדער.

**עס** איז א געוואלדיגע שמחה וואס מען זיצט יעצט ביי די סעודה, יעדער איינער פילט זיך גליקלעך און געבט א שבח והודאה פאר'ן אויבערשטן אז 'שלא שם חלקינו כהם וגורלינו ככל המונם', אונז האבן מיר נישט אנגעברענגט די צייט במשך די יאר וואס איז אדורכגעגאנגען. פון די חשוב'סטע יארן וואס מען איז אדורגעגאנגען דעם לעבן, דארף זיין די יאר וואס מען האט געלערנט מסכת יבמות. נישטא נאך אזא שמחה ביי א איד ווי ער האט געענדיגט די מסכת. ברוך ה' מיר אלע מאכן שמחות קע"ה, קינדער און אייניקלעך וכדומה. אבער די גרעסטע שמחה דארף צו זיין דאס יאר וואס איך האב אדורכגעלערנט א מסכת און איך מאך א סיום מסכת, דאס דארף זיין די חשוב'סטע זמן, די תורה באגלייט דעם מענטש אויף שטענדיג, 'בהתהלכך תנחה אותך' (משלי ו-כב) – די תורה באגלייט דעם מענטש, 'צדק לפניו יהלך' (תהלים פה-יד), דאס נעמט ארום דעם מענטש ווען מען דארף האבן דעם זכות פון תורה.

**נח** זאגט די תורה, ווען דער אויבערשטער האט געהייסן מאכן די תיבה, 'ויעש נח ככל אשר צוה אותו אלקים' (בראשית ו-כב), נח האט געטוען אלעס וואס דער אויבערשטער האט אים געהייסן, 'כן עשה' אזוי האט ער געטוען. איך האב נישט געזעהן מען זאל זיך שטעלן, וואס איז דער 'כן עשה'?. שפעטער אין פרשת בא שטייט אויך א ענליכע פסוק, 'ויעשו כל בני ישראל ככל אשר צוה ה' את משה ואת אהרן כן עשו' (שמות יב-כח), זאגט דארט רש"י אף משה ואהרן כן עשו, משה האט זיי מצוה געווען, און משה רבינו האט אויך אזוי געטוען. דא שטייט, נח האט געמאכט די תיבה, 'ויעש נח ככל אשר צוה אותו אלקים כן עשה', וואס איז דער 'כן עשה' אזוי האט ער געטוען?

**דער** אויבערשטער האט געהייסן פאר נח ער זאל מאכן א תיבה 120 יאר, כדי צו מודיע זיין פאר די וועלט אז עס גייט קומען א מבול, און מען זאל זיך היטן פון דעם מבול וואס גייט קומען, און ווער עס וויל ניצול ווערן פונעם מבול זאל זיך באצייטנס זעהן צו צושטעלן, און תשובה טוען אויף וואס ער האט געטוען (רש"י בראשית ו-יד). די ציווי' פונעם אויבערשטן איז געווען פאר נח כדי צו מעורר זיין דעם דור. כדי דו זאלסט ניצול ווערן פונעם מבול, דארפסטו נישט קיין 120 יאר צו בויען א תיבה, איך קען דיך מציל זיין אויף כמה אופנים זאגט רש"י, איך וויל אבער אז די אנשי הדור זאלן זעהן ווי דו בויעסט דעם תיבה. קומט אויס אז עשיית התיבה איז געווען א מעסעדזש פאר די וועלט אז עס גייט קומען א מבול, וועגן דעם האט דער אויבערשטער געזאגט אז מען זאל עס מאכן.

**נח** האט גענומען דעם מעסעדזש נישט נאר פאר די וועלט, ער האט גענומען די מעסעדזש פאר זיך אויך. דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר נח אז ער וועט אריינגיין אין די תיבה און ער וועט בלייבן לעבן. ווי איז מעגליך אז דער אויבערשטער זאל צוזאגן פאר א מענטש 120 יאר פריער, אז דו וועסט זיין א צדיק און דו וועסט קענען אריינגיין אין די תיבה? יעצט ביסטו א צדיק, ווען מען וואלט יעצט געדארפט אריינגיין אין די תיבה וואלסטו געקענט אריינגיין. דער אויבערשטער זאגט אים, מאך א תיבה 120 יאר, 'ובאת אל התיבה אתה ובניך ואשתך' (בראשית ו-יח), אלע דיינע קינדער וועלן קענען אריינקומען אין די תיבה. וויאזוי איז זיכער אז זיי וועלן קענען אריינגיין אין די תיבה? א מענטש האט דאך א בחירה?, אל תאמין בעצמך עד יום מותך (אבות ב-ד), און אפשר וועט ער נישט קענען אריינגיין ווייל ער וועט נישט בלייבן ערליך?

**נאר** נח ווען ער האט געמאכט די תיבה, איז עס נישט געווען אז ער האט געמאכט פאר א צווייטן די תיבה, כדי יענער זאל זיך לערנען. יעדן טאג וואס ער האט עוסק געווען צו מאכן די תיבה, האט ער פאר זיך איינגע'חזר'ט, עס גייט זיין א מבול... און דער אויבערשטער האט מיר געזאגט עס גייט זיין א מבול. די אנדערע האבן נאר געהערט פון נח אז עס גייט זיין, אבער נח האט דאך געהערט פונעם אויבערשטן אליין אז עס גייט זיין. א מענטש וואס הערט פונעם אויבערשטן אז עס גייט זיין א מבול, נעמט עס צום הארץ, און ער האט נישט געקענט טוען קיין עבירה שפעטער.

**'ויעש** נח ככל אשר צוה אותו אלקים', נח האט געטוען וואס דער אויבערשטער האט אים מצוה געווען, ער האט געמאכט א תיבה צו מודיע זיין פאר די וועלט אז עס גייט קומען א מבול. אבער נישט נאר פאר זיי האט ער עס געמאכט, נאר 'כן עשה', ער האט עס געמאכט פאר זיך אליין! ער האט געלערנט פאר זיך אליין וואס ער האט געלערנט פאר אנדערע.

**דער** אויבערשטער האט געהאלפן מען האט מסיים געווען די מסכת, עס איז נישט נאר א מעסעדזש פאר אנדערע אז מען קען אנהייבן יעצט צו לערנען מסכת כתובות, און אז מען האט געקענט ענדיגן מסכת יבמות וועט מען בעז"ה ענדיגן מסכת כתובות. נאר עס איז א מעסעדזש פאר זיך אליין. אונז דארפן מיר עס נעמען פאר זיך, אז דו האסט געקענט ענדיגן יבמות קענסטו אסאך און אסאך מער ענדיגן! קענסט ענדיגן כתובות, און דו קענסט לערנען זייטיגע מסכתות, מען קען עס באווייזן! ווייל בעפאר מען האט געענדיגט יבמות האט מען געזאגט אז יבמות קען מען אויך נישט באווייזן, און מען האט געזעהן אז מען האט עס באוויזן, דאס דארף געבן חיזוק פאר אונז אליין! מען זאל אריין נעמען אין זיך, ווי ווייט מען קען אנקומען!

**עס** איז א געוואלדיגע שמחה, דער אויבערשטער זאל העלפן, אז פון די שמחה זאל מען קענען ווייטער ממשיך זיין, קענען ענדיגן מערערע מסכתות און זיך צוזאמקומען ווייטער און זיך פרייען בשמחת תורתינו.

*

**עס** איז דא אסאך שותפים וואס העלפן צו פאר דעם 'ובהם נהגה', מען דארף דאך אייביג האבן א יששכר מיט א זבולון. 'ובהם נהגה' קאסט אסאך געלט און אסאך צייט. ב"ה אלעס ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן וועג וואס איז שייך.

**אבער** איך מוז ארויסברענגען **ר' *יהושע שטערן*** זאל זיין געזונט. אסאך מאל באוואונדער איך ווי 'איין' יונגערמאן קען אזויפיל נעמען אויף זיך, און אויפטוען. און ב"ה דער אויבערשטער געבט אים וחפץ ה' בידו יצליח, עס איז נישט נאר בארא פארק, עס איז וויליאמסבורג, עס איז מאנסי, עס איז לעיקוואוד, איבעראל איז ער דער בריח התיכון דערפון, איז אוודאי דער אויבערשטער וועט אים באצאלן מיט דעם וואס מען האט מסיים געווען די מסכת, 'ורב שלום בוניך', דער אויבערשטער זאל אים געבן שמחות און נחת ביי די אייגענע קינדער, ער זאל זיי קענען מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך שמחה וטוב לבב.

**אזוי** אויך אונז אלע זאל דער אויבערשטער געבן אז די תורה וואס מען האט געלערנט זאל אונז באגלייטן אויף שפעטער, אונז זאלן קענען זיצן באהלה של תורה. 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי' (תהלים כז-ד), וויסן און צו פארשטיין אז די וועלט איז נאר א דורכגאנג, 'התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין' (אבות ד-טז), אונז גייען נאר אדורך די וועלט אזויוי א פאר-צימער, אבער עס ווארט אונז א טרקלין פון די תורה וואס מען לערנט און פון מצוות וואס מען טוט.

**דער** אויבערשטער זאל אונז געבן די זכיה אונז זאלן קענען ווייטער זיצן באהלה של תורה, אויסנוצן די צייט אויף ענדיגן די קומענדיגע מסכת, איבער'חזר'ן די מסכת, אפילו מען טראכט אז מען קען נישט נעמען די בחינה, ער האט נישט אזויפיל צייט ער זאל עס קענען לערנען מיט א בחינה, און אפשר אמאל זיין כשרון זאגט אים אז ער וועט נישט קענען, אבער 'טעמו וראו כי טוב ה'', פרוביר עס אויס! פרוביר אויס איין חודש! פרובירט עס אויס צוויי חדשים! הייב אן, וועסטו זעהן אז מען קען! דו וועסט זעהן אז דער ערשטער חודש וועסטו קענען וויניגער, די צווייטע חודש וועסטו קענען מער, און צום סוף וועסטו ליגן אין תורה! און פאר ליגן תורה אליין א גאנץ יאר, איז כדי די גאנצע פלאג פון אדורכצוגיין די בחינות!

**דער** אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען קענען די מסכתות און די תורה זאל אונז באגלייטן שטענדיג, זאלן אונז אלע זוכה זיין צו די ברכת התורה 'עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר' (משלי ג-יח), תורה האט אין זיך אלע ברכות, תורה ברענגט אלעס וואס א איד דארף צו האבן, אלעס ווערט נשפע אין זכות פון קדושת התורה. דער אויבערשטער זאל העלפן, אונז אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.

## מעמד חלקינו לאנ"ש מאנסי

### לרגל סיום מסכת יבמות והתחלת מסכת כתובות

יום ב' פרשת לך לך תשפ"ג לפ"ק

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אז מען זיצט צוזאמען עוסקים בתורה, יונגעלייט וואס רובם ככולם זענען נישט קיין כולל יונגעלייט, מען ארבעט א גאנצע וואך שווער, פונדעסטוועגן דאך איז מען קובע עתים לתורה, און ב"ה מען האט געענדיגט איינע פון די שווערסטע מסכתות אין ש"ס, מסכת יבמות. עס איז א געוואלדיגע שמחה! יעדער איינער דארף באמת שפירן א שמחה. עס איז אדורך א יאר, און איך האב נישט געלאזט די יאר אדורכגיין ליידיג. ווען מען לאזט אדורכגיין א יאר ליידיג, מיינט עס נישט ליידיג, מיינט עס דאך אז מען פאלט, און אז מען האט געקענט א גאנץ יאר אוועקגעבן און ענדיגן מסכת יבמות, דארף עס זיין א פערזענליכע שמחה פאר יעדן איינעם. דאס איז פון די שענסטע טעג אין ענקער לעבן ווען מען געפינט זיך ביי די מסיבה אז מען האט געענדיגט מסכת יבמות.

**מען** ענדיגט די מסכת, די לעצטע שורה אין די גמרא (קכב:), תלמידי חכמים מרבין שלום בעולם שנאמר (ישעיה נד-יג) 'וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך'. עס איז דא כמה מסכתות וואס ענדיגן זיך מיט דעם לעצטן מאמר. אבער איבעראל איז צוגעברענגט אן הוספה אויף דערין, אזויוי מען

זאגט ביים דאווענען, אל תקרא בניך אלא בוניך די ראי׳ אז תלמידי חכמים זענען מרבים שלום בעולם, איז ווייל ׳ורב שלום בניך׳, ׳בניך׳ מיינט נישט די קינדער, ׳בניך׳ מיינט תלמידי חכמים וואס זיי זענען ׳בוניך׳ זיי בויען תורה. ביי אונז אין די גמרא פעלט דער סיום. עס שטייט נאר אז תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר ׳וכל בניך לימודי ה׳ ורב שלום בוניך׳.

**אל** תקרא בניך אלא בוניך, פון ׳בניך׳ דרש׳נט מען ׳בוניך׳. די חשוב׳סטע זאך וואס א מענטש פארמאגט אין לעבן איז א שטוב מיט די קינדער. נישטא נאך אזא חשוב׳ע זאך ביי א מענטש ווי זיין בני בית, עס איז דא א דיעה אין חז״ל (ראב״ן סימן לז) אז א מענטש האט ענדערש ליב די קינד מער פון זיך אליין, די אהבה איז אזוי גרויס אז דאס איז די גרעסטע סארט אהבה.

**די** וואך אין די פרשה לערנט מען, אברהם אבינו האט נישט געהאט קיין קינדער, ער האט געזאגט פאר׳ן אויבערשטן ׳מה תתן לי ואנכי הולך ערירי׳ (בראשית טו-ב), עס איז נישטא וואס דו קענסט מיר געבן וואס זאל ערזעצן דעם ׳אנכי הולך ערירי׳, אז מען האט נישט קיין קינדער, ווייל דער ציל פון א מענטשנ׳ס לעבן איז, אויפצושטעלן דורות ווייטער.

**אבער** נישט יעדעס קינד איז א ברכה פאר עלטערן. א קינד וואס מען איז מגדל ערליך על דרכי התורה, דאס קינד לערנט זיך, און וואקסט אויס שפעטער א בן תורה א תלמיד חכם און נאך מער, דאס איז די נחת וואס עלטערן האבן פון קינדער. אז מען ציעט אויף א קינד און דאס קינד גייט נישט אין ריכטיגן וועג ווי די עלטערן וואלטן געוואלט, איז נישט קיין גרויסע מעלה דאס קינד וואס מען האט. יצחק האט געהאט יעקב מיט עשו, פון יעקב האט ער געהאט נחת, און פון עשו האט ער געהאט צער.

**שטייט** אין **אור החיים הק׳** (שם) אז אברהם אבינו האט געוואוסט אז ער גייט האבן קינדער, ווייל דער אויבערשטער האט אים שוין צוגעזאגט פאר דעם, ׳לך לך מארצך׳, ׳ואעשך לגוי גדול והיה ברכה׳ (בראשית יב-א), נאכדעם זאגט ער פאר׳ן אויבערשטן ׳מה תתן לי ואנכי הולך ערירי׳, ער האט איהם דאך צוגעזאגט ׳ואעשך לגוי גדול׳? זאגט אויף דעם דער **אור החיים הק׳**, אזויווי דער אויבערשטער האט אים געזאגט אז ׳ושמתי את זרעך כעפר הארץ׳ (בראשית יג-טז), עפר האט נישט קיין חשיבות. האט אברהם אבינו געמיינט אז אפשר זאגט אים דער אויבערשטער דו וועסט האבן קינדער וואס וועלן נישט זיין מער ווי ׳כעפר הארץ׳, און אזעלכע קינדער דארף איך נישט! ׳מה תתן לי׳, מיט די ברכה וואס דו האסט מיר געגעבן זרעך וועלן זיין ׳כעפר הארץ׳, האסטו מיר גארנישט געגעבן, ׳אנכי הולך ערירי׳, עס איז מיר חשוב׳ער צו גיין ערירי ווי איידער האבן אזעלכע קינדער.

**׳ויוצא** אותו החוצה׳ (בראשית טו-ה), האט אים דער אויבערשטער געוויזן, דיינע קינדער וועלן זיין אזויווי כוכבים, איך האב געמיינט ׳כעפר הארץ׳ אין כמות וועלן זיי זיין כעפר הארץ, אבער אין חשיבות וועלן זיי זיין אזויווי כוכבים — דאס איז געווען א חשיבות. קינדער וואס מען ציעט אויף און זיי וואקסן אויס ערליכע בני תורה, דאס איז די חשיבות פון א אידישע שטוב.

**׳ובהם** נהגה׳ די יונגעלייט וואס זענען זיך קובע דערצו און זיי לערנען עס, דאס ברענגט ארויס די חשיבות פון לימוד התורה. דאס איז באמת געוואלדיג חשוב די שעה וואס מען געבט אוועק פאר לימוד התורה, עס איז א מצוה מן התורה, מען איז מחויב עס צו טוען. אבער די השפעה וואס עס לאזט איבער — די וואס זענען זיך קובע צו דעם שיעור — אויפן בני בית און אויף די קינדער, לאזט זיך גארנישט זאגן וויפיל דאס טוט אויף. קינדער וואס זעהן שטענדיג אז דער טאטע ווען ער האט פרייע צייט איז ער פארנומען צו ענדיגן דעם שיעור, און עס איז מיט א קביעות, ער דארף יעדן טאג ענדיגן דעם עמוד וואס ער דארף לערנען. עס קומט נאך פיר וואכן און מען דארף זיך פארהערן אויף וואס מען איז אדורכגעגאנגען, דעם טאג איז דער טאטע נישט דא! מען קען צו איהם נישט רעדן! ער איז פארנומען זיך צוצוגרייטן צו די בחינה. ער גייט אדורך די בחינה

און ער קומט אהיים און די פנים שטראלט אים, מען איז מעיד אויף די צורה, אויף קלסתר פניו וויאזוי ער זעהט אויס, וואס פארא שמחה של מצוה ער האט, איך האב געענדיגט און איך קען וואס איך האב געלערנט. זייער שטארק איז די השפעה וואס עס מאכט אויף די קינדער!

**ווייל** בדרך כלל, קינדער ווילן גיין אין די וועגן פון די עלטערן. א קינד וויל נאכטוהן וואס דער טאטע טוט. און אין אזעלכע שטיבער ווי מען זעהט אז דער טאטע לאזט נישט אדורך א טאג אן תורה און יעדן טאג לערנט ער, דאס ווערט איינגעבאקן אין די קינדער, אז שפעטער ווען דאס קינד וואקסט אויף, וויל ער אויך גיין אויף דעם וועג. און דאס איז די חשיבות לגבי די קינדער.

**לגבי** די בני בית, מען דארף עס ארויסברענגען, ווי דערהויבן א מאן ווערט אין שטוב ווען זיין אשת חיל זעהט וויאזוי ער געבט זיך אוועק פאר תורה. עס איז א געוואלדיגע השפעה נישט נאר וואס עס לאזט איבער אויף זיך, עס לאזט איבער א שטארקע השפעה אויף די שטוב. אז מען וויל האבן קינדער, די קינדער זאלן שפעטער זיין ברא מזכה אבא דאס קינד זאל קענען מזכה זיין שפעטער דעם טאטע'ן, די וואס שליסן זיך אן אין די 'ובהם נהגה' דאס לאזט איבער אן השפעה אז מען זאל קענען האבן וואוילע קינדער.

**אל** תקרא 'בניך' אלא 'בוניך', קינדער הייסן נישט קינדער וואס איז דא אין שטוב. קינדער ווערן אנגערופן 'בוניך' - די וואס בויען דיך. דאס קינד וואס וואקסט אויף ערליך און ער בויט אויף שפעטער דעם ברא מזכה אבא, דאס ווערט אנגערופן 'בוניך'. אבער קינדער וואס זענען נישט קיין 'בוניך' וואס טוען נישט אויפבויען די עלטערן, האט נישט קיין חשיבות, 'מה תתן לי ואנכי הולך ערירי'. אל תקרא בניך ווען דו ווילסט האבן 'רב שלום בוניך' דו ווילסט האבן קינדער וואס וועלן זיין 'בוניך' וואס דו זאלסט קענען האבן פון זיי 'רב שלום', אל תקרא 'בניך', זאלסטו וויסן עס קען נישט אנגערופן ווערן א חשיבות פון 'בניך' אלא 'בוניך' - ווען זיי וואקסן אויס אזעלכע קינדער וואס זיי בויען דיך.

**און** דאס ברענגט צו, ווען מען איז זיך קובע עתים לתורה, אז די שטוב באקומט אן אנדערע לופט פון וואס עס איז געווען פאר דעם. עס איז אינו דומה, נישט נאר אינו דומה, מען קען עס אפילו נישט צוזאמשטעלן עס איז אין ערוך, א שטוב ווי מען איז אריינגעטוען א גאנצע וואך אין ביזנעס, עס קומט דער שבת קוקט עס אויך אזוי אויס, אבער א שטוב ווי יעדע נאכט ווייסט מען אז דער טאטע זיצט און לערנט און ער פארהערט זיך יעדן חודש אויף וואס ער האט געלערנט, ווערט פיל מער א דערהויבענע שטוב.

**די** מסכת ענדיגט זיך מיט דעם פסוק פון 'ורב שלום בניך'. מען ווייסט אז תורה האט אין זיך תרי"ג מצות. און אזוי איז דער מענטש צוזאמגעשטעלט, רמ"ח אברים קעגן די רמ"ח מצות עשין, און א מענטש האט שס"ה גידין אקעגן די שס"ה לא תעשה. אזויווי א מענטש דארף עסן כדי ער זאל קענען לעבן זיין גשמיות'דיגן לעבן, איז יעדע מצוה וואס איז דא אין די תורה טוט משלים זיין א חלק פון דעם מענטש. יעדע עשה איז משלים אן אבר פונעם מענטש. יעדע לא תעשה איז משלים א גיד פונעם מענטש, און א מענטש ווערט נישט נשלם נאר ווען ער איז מקיים כל התורה כולה, אלע מצות פון די תורה, דעמאלטס האט ער זיין שלימות.

**נו** שטעלן זיך שוין די מפרשים, ווי איז דען שייך אז א מענטש זאל קענען מקיים זיין כל התורה כולה? עס איז דא מצוות וואס איז געגעבן געווארן פאר כהנים, מצות וואס איז געגעבן געווארן נאר אויף געוויסע פעלער וואס נישט אייביג קומט עס אן פאר א מענטש ער זאל קענען מקיים זיין, ווי איז מעגליך א מענטש זאל קענען מקיים זיין אלע תרי"ג מצות?

**איז** דא דערויף כמה דרכים וויאזוי א מענטש קען מקיים זיין אלע תרי"ג מצות התורה. א טייל זאגן אז דאס איז דער ענין פון גלגול. מען גייט אוועק פון די וועלט 'לא ידח ממנו נדח' (שמואל ב יד-יד), וואס ער האט נישט געקענט טוען אין דעם גלגול, טוט אים דער אויבערשטער אראפשיקן אויף די וועלט אין א צווייטן גלגול, אז דעמאלטס זאל ער

קענען משלים זיין דאס וואס ער האט פארפעלט אין פריער'דיגן גלגול. און מען ווייסט אז מיט דעם ווערט פארענטפערט הונדערטער קשיות וואס א מענטש האט אינעם לעבן, פארוואס איז דער אזוי? פארוואס איז דער אזוי? דער איז א עושר, דער איז א עני? דער איז א בעל כשרון און דער איז נישט קיין בעל כשרון? פארוואס דעם גייט גוט און פאר דעם גייט נישט גוט? די קשיא פון משה רבינו (ברכות ז.) צדיק וטוב לו צדיק ורע לו, רשע וטוב לו רשע ורע לו? — אלעס ווערט פארענטפערט, ווייל אונז זעהן נאר א האלבן בילד! אונז זעהן נאר וואס עס טוט זיך דא, אבער אונטער דעם ליגט סודות פון גלגולים, וואס דער מענטש איז שוין אדורכגעגאנגען, און ער האט א געוויסע זאך פארוואס ער איז אראפגעקומען משלים זיין זיך יעצט, און עס קומט אמאל א צייט וואס דער אויבערשטער וועט ווייזן די גאנצע בילד פונעם מענטש וואס ער איז געווען פאר דעם און וואס איז געווען נאך דעם, וועט ער זעהן אז אלעס איז אויסגערעכענט לויטן חשבון פון קל דיעות.

**און** די זעלבע איז קיום מצות התורה, איז דא דער ענין פון גלגול וואס א מענטש איז מתקן שפעטער וואס ער האט פארפעלט אין פריער'דיגן גלגול. עס שטייט פונעם **של"ה הק'** (נועם מגדים בשלח ד"ה על ריב) אויפן פסוק 'תורת ה' תמימה משיבת נפש' (תהלים יט-ח), 'תורת ה' תמימה', א מענטש מוז מקיים זיין די תורה פון די ערשטע מצוה ביז די לעצטע מצוה. איי עס איז דאך נישט מעגליך אז א מענטש זאל קענען מקיים זיין אלעס, דערפאר 'משיבת נפש', דער נפש קומט נאכאמאל צוריק אראפ צו מתקן זיין די מצוות וואס ער האט פארפעלט מתקן זיין פון פריער.

**פאריגע** פרשה איז געווען פרשת נח, האב איך געזעהן צוברענגען פון **רמ"ע מפאנו**, ער האט געמאכט א ספר גלגולי נשמות. אלע גלגולים ער האט געוואוסט על פי סוד פון די פריער'דיגע וויאזוי עס איז נתגלגל געווארן איינס מיט דאס אנדערע. און דארט ברענגט ער צו אויף נח, אז נח איז נתגלגל געווארן שפעטער אין יוסף. יוסף הצדיק איז געווען א גלגול פון נח און ער ברענגט ארויס איין פרט וואס ער שטעלט עס צוזאם. ביי נח געפינט מען אז 'ויטע כרם וכו' וישכר' (בראשית ט-כ), ער איז געווארן א שיכור, און עס איז ארויסגעקומען די פראבלעם וואס איז געווען נאכדעם. און יוסף האט דאס מתקן געווען, ווייל יוסף האט נישט געטרינקען קיין וויין די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אפגעטיילט פון זיין פאטער יעקב אבינו, האט ער מתקן געווען די וויין וואס נח האט געטרינקען. אין די תורה ווערט צוויי מאל דערמאנט שיכרות, ביי נח ווערט דערמאנט אז ער איז געווארן א שיכור, און ביי יוסף מיט די ברידער 'וישתו וישכרו עמו' (בראשית מג-לד), אבער ביז דעמאלטס האט ער נישט געטרינקען (רש"י שם), נאר יעצט לכבוד די ברידער האט ער געטרינקען. און ממילא האט יוסף מתקן געווען וואס איז געווען ביי נח.

**אז** דער רמ"ע מפאנו האט שוין צוגעשטעלט אז יוסף איז א המשך פון נח, פארשטייט מען אסאך זאכן וואס עס איז נוגע צו יוסף מיט נח. מען זעהט, יוסף האט געוואוינט אין מצרים אליין מיט זיינע קינדער, און פונדעסטוועגן דאך האט ער אויפגעשטעלט אן אפרים מיט א מנשה אין א ערות הארץ אין א מצרים, און 'אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי' (בראשית מח-ה), אזעלכע קינדער וואס פאסן זיך אריין אין די שבטי י-ה. וויאזוי האט א מענטש די כח דאס צו קענען אויספירן, זיצן אין א מצרים אין א ערות הארץ, קיין איין איד איז נישטא אין גאנץ מצרים, עס איז נישטא דארטן קיינער וואס האלט די תורה, און עס איז א נידריגער מקום, די נידריגסטע מקום אין די וועלט איז מצרים דעמאלטס געווען. יוסף'ס שטוב איז אבער אויסגעוואקסן צו א שטוב פון שבטי י-ה!

**די** זעלבע געפינט מען ביי נח. נח איז געווען אין א דור המבול, 'השחית כל בשר את דרכו על הארץ' (בראשית ו-יב), און נח איז געווען דער איינציגסטער אין דעם גאנצן דור המבול וואס ער מיט זיינע קינדער זענען געבליבן ערליך, און זענען שפעטער אריינגעגאנגען אין די תיבה. האט דאך נח אראפגעלייגט דעם יסוד אז מען קען לעבן אין א דור המבול, און פונדעסטוועגן דאך ווען א איד

וויל זיך האלטן ערליך, האט ער סייעתא דשמיא און דער אויבערשטער העלפט אים, אז ער שטעלט אויף אן ערליכע שטוב, און נח מיט זיינע קינדער זענען ניצול געווארן פונעם דור המבול.

**אז** יוסף איז געווען דער המשך פון נח, האט יוסף געהאט אין זיך דעם כח פון נח, ער האט אויך געקענט טוען די זעלבע. זיין אין א ערות הארץ אין מצרים און פונדעסטוועגן דאך איז זיין שטוב געבליבן ערליך.

**מען** זעהט ביי יוסף 'ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם' (בראשית לז-ב). יוסף האט געזעהן א עוולה ביי די ברידער, איז ער געקומען צום פאטער און איהם פארציילט. נישט ווייל יוסף איז געווען א בעל לשון הרע ח"ו, ער איז געגאנגען רעדן לשון הרע, נאר יוסף האט געוואלט אז יעקב זאל זיי מוסר זאגן, האט ער פארציילט פארן טאטע'ן וואס ער זעהט ביי די ברידער אז זיי פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, כדי אז יעקב זאל זיי מוכיח זיין. מען געפינט אזוי אין די גמרא (ערכין טז:), רבי יוחנן בן נורי האט געזאגט, אסאך מאל איז רבי עקיבא געשלאגן געווארן דורך זיין רבי, דורכדעם וואס איך האב זיך אפגערעדט פאר איהם וויאזוי ער פירט זיך אויף. יוסף האט אכט געגעבן אז די ברידער זאלן זיך פירן ערליך.

**מען** ווייסט אז נח איז איינע פון די זאכן וואס חז"ל (בר"ר לב-א) רעדן זיך אפ אויף אים, איז געווען ער האט נישט מוכיח געווען בני דורו. ער איז געווען פאר זיך א 'צדיק תמים בדורותיו' (בראשית ו-ט), ער האט נישט מוכיח געווען. ווי האט ער געהאט דעם תיקון דערויף? איז ער מגולגל געווארן שפעטער אין יוסף, און יוסף האט דאס מתקן געווען, 'ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם', קומט אויס אז יוסף איז געווען א גלגול פון נח.

**שטייט** פונעם **אר"י הק'** אז דער ערשטער גלגול ווערט א מענטש אנגערופן א אב, די צווייטע גלגול ווערט ער אנגערופן א בן, א קינד פונעם פריער'דיגן גלגול. ווען יעקב אבינו האט געבענטשט די קינדער, ער איז אנגעקומען צו יוסף, האט ער געזאגט 'בן פורת יוסף' (בראשית מט-כב), יוסף איז א בן חן (רש"י שם). די ערשטע מאל מען געפינט חן אין די תורה, געפינט מען ביי נח 'ונח מצא חן בעיני ה'' (בראשית ו-ח). און יוסף איז דאך געווען דער גלגול פון נח, איז ער 'בן פורת' ער איז דער גלגול פון דעם חן פון נח, איז וועגן דעם האט ער געקענט זיין א 'בן פורת עלי עין בנות צעדה עלי שור', און אף על פי כן האט ער זיך געהאלטן ערליך. ווייל דאס איז דער ענין פון גלגול וואס א מענטש קען מתקן זיין זאכן וואס איז געווען פריער.

**דאס** געבט אסאך חיזוק פאר יעדן איינעם, זיך נישט מתאונן זיין, אמאל גייט אים נישט אזוי ווי ער וואלט ווען געוואלט. ער ווייסט קיינמאל נישט וואס די תיקונים וואס ער טוט אלץ אויף מיט זיין לעבן, 'השלך על ה' יהבך' זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן, דער באשעפער פירט אים אויפן ריכטיגן וועג און וואס דער באשעפער פירט אים דארף ער מקבל זיין מתוך שמחה.

**אבער** על כל פנים וועלן מיר צוריק קומען צו די נקודה, אז דורך דעם ענין פון גלגול, קען מען משלים זיין אלעס וואס מען האט פארפעלט מקיים זיין פון די תרי"ג מצות, אז מען איז מקיים שפעטער אין דעם קומענדיגן גלגול.

**מען** וויל דאך אבער מקיים זיין אלעס אויף איין גלגול, און נישט דארפן נאכאמאל אראפקומען. און וויאזוי איז שייך א מענטש זאל קענען מתקן זיין אלעס אויף איינמאל? איז באקאנט וואס עס שטייט אין **ישמח משה** (פרשת שמות עה"פ וייטב אלקים), אז דער גר האט זיך געוואלט מגייר זיין כשאני עומד על רגל אחת (שבת לא.), זאגט ער, ער האט געמיינט צו בעטן איך וויל ווערן א איד, אבער איך וויל אלעס על רגל אחת, אין איין גלגול וויל איך אלעס מתקן זיין, איך וויל נישט אראפקומען אפאר מאל. האט ער אים געזאגט, איך געב דיר צוויי עצות דערויף. איינס, דעלך סני לחברך לא תעביד, אידן זענען א קומה שלימה, א קומה האט אין זיך הענט פיס און א קאפ און אזוי איז דא ביי אידן עס איז עיני העדה און רגלי העדה, יעדע חלק פון א איד איז אקעגן א געוויסע אבר אבער

צוזאמען זענען מיר א קומה שלימה. ווען אידן לעבן באחדות, עס איז דא א צוגעבינדנקייט איין איד צום צווייטן איד, זענען מיר אלע אזויווי איין גוף. ביי איין גוף איז אויך נישט יעדער אבר מקיים די מצוה, די הענט טוט די מצוה און אמאל טוט די קאפ די מצוה און אמאל טוט די פיס די מצוה, אבער די גאנצע קומה האט געטוען די מצוה. דורכדעם איז כלל ישראל מקיים אלע מצות פון די תורה, דורכדעם ווערט גערעכענט פאר יעדן איד ווי ער האט מקיים געווען אלע מצות. מה דעלך סני לחברך לא תעביד.

**נאכדעם** האט ער אים געגעבן א צווייטע עצה וואס איז נוגע צו דעם שמועס יעצט. ואידך פירושא זיל גמור. דורכדעם וואס מען לערנט תורה. ווייסן מיר אז יעדע מצוה וואס א איד לערנט ווערט גערעכענט ווי ער האט מקיים געווען די מצוה, כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה (מנחות קי.). ווען א איד לערנט אדורך ש"ס, האט ער אדורכגעלערנט כל התורה כולה. ווען מען לערנט אדורך כל התורה כולה, האט ער מקיים געווען אלע מצות אין די תורה! ווייל אין ש"ס איז דא אלע מצות פון די תורה מיט די פרטים. און ער איז א 'עוסק', עס איז נישט נאר ער האט געזאגט עברי מיט טייטש, ער האט עוסק געווען בתורה, אין יעדע הלכה האט ער עוסק געווען אין אלע אירע פרטים. איז ווען א איד לערנט אדורך גאנץ ש"ס, האט ער משלים געווען זיין גאנצן לעבן אין דעם איינעם גלגול! ווייל ער איז א עוסק בתורה כאילו הקריב עולה, ער האט אדורכגעלערנט גאנץ תורה, ווערט עס גערעכענט אזויווי ער האט מקיים געווען אלע מצות פון די תורה.

**מען** זעהט ביי יעקב אבינו, ער האט געזאגט 'עם לבן גרתי ואחר עד עתה' (בראשית לב-ה), עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי (רש"י שם). תרי"ג מצות שמרתי? ווי קען ער היטן תרי"ג מצות? וויאזוי זענען געקומען אלע מצוות אונטער די הענט פון יעקב? יעקב איז געזעסן און געלערנט, 'איש תם יושב אוהלים' (בראשית כה-כז), אז מען זיצט און מען לערנט די תורה ווערט עס גערעכענט כאילו מען האט מקיים געווען אלע מצות. ואידך, האט הלל געזאגט פאר דעם גר, אפילו עס איז אמאל דא מצות וואס דער גאנצער דור קען נישט מקיים זיין, מצות וואס איז תלוי בזמן שבית המקדש קיים, אפילו ער איז מחובר מיט גאנץ כלל ישראל, אבער עס איז דאך נישט שייך מקיים זיין די מצות, פירושא זיל גמור, גיי לערנען, דו וועסט לערנען וועסטו קענען מקיים זיין די אלע מצות. — על כל פנים, ווען א איד לערנט תורה, קען ער מקיים זיין אלע מצות און ער דארף נישט נאכאמאל מגולגל ווערן אויף די וועלט.

**מצות** יבום, א זעלטענע מצוה צו קענען מקיים זיין. און קיינער וואונטשט זיך נישט ער זאל דארפן מקיים זיין די מצוה, און אז מען וויל נישט צוקומען צו די מצוה פעלט דאך אים א חלק פון די מצוות התורה וואס ער איז נישט מקיים. נו אז מען האט נישט דעם גאנצן שלימות פון אלע מצות, פעלט דאך אין די שלימות פונעם מענטש, וויאזוי איז מעגליך אז א מענטש זאל קענען מקיים זיין די מצוה אן דעם ער זאל דארפן צוקומען דערצו? — נאר אז מען זיצט און מען לערנט, מען האט אדורך געלערנט מסכת יבמות, קענען מיר אלע האבן קינדער יעצט, און מען דארף נישט מורא האבן אז עס וועט דארפן צוקומען צו אזא פאל פון יבום. ער האט מקיים געווען די מצוה פון יבום מיט דעם וואס ער האט געלערנט די מסכת. און אזוי איז ביי אלע מצוות. יעדע מצוה וואס א מענטש לערנט אדורך די מסכת פון די ספעציפישן מצוה, ווערט גערעכענט כאילו ער האט מקיים געווען די מצוה.

**ווען** עס קומט צו מצות יבום איז נישטא קיין 'רב שלום בניך', עס איז נישטא קיין בניך, ווייל טאמער האט ער בניך איז דאך נישטא קיין מצוה פון יבום, די גאנצע מצוה איז דאך נאר ווען עס איז נישטא קיין בנים. אז ער האט נישט קיין בנים דארף ער האבן א 'בוניך' ווער עס זאל בונה זיין את ביתו, וואס יבום איז דאך דער ענין פון בונה זיין את בית אחיו, ווי עס שטייט אין פסוק 'אשר לא יבנה את בית אחיו' (דברים כה-ט).

**קומט** אויס אז ווילאנג מען האט נישט אדורכגעלערנט די מסכת, איז אמאל קען זיין אז

מען האט נישט קיין 'בניך', און מען דארף חלילה וחס האבן א 'בוניך' כדי ער זאל קענען משלים זיין די מצוה אויך. אבער אז מען האט געענדיגט יעצט מסכת יבמות, איז דאך מיט דעם וואס מען האט געלערנט האט מען דאך מקיים געוועןן אלע מצות, קען מען שוין האבן יעצט 'בניך' און מען דארף נישט האבן קיין 'בוניך', ווייל מיטן לערנען האט ער מקיים געוועןן די מצוה.

**ממילא** ווען מען האלט צום סוף פון די מסכת, מען האט געענדיגט יעצט מסכת יבמות, מען פרעגט וואס האב איך פארדינט אז איך האב געלערנט מסכת יבמות? זאגט מען 'וכל בניך לימודי ה'', מען האט דאך געלערנט לימודי ה', און אז מען לערנט לימודי ה' ווערט דאך עס גערעכענט כאילו מען האט מקיים געוועןן די מצוה, יעצט קען שוין זיין 'ורב שלום בניך', דו קענסט האבן א שטוב מיט קינדער, און עס איז 'רב שלום' עס וועט דיר נישט ווי' טוען אז עס פעלט מקיים זיין די מצוה פון יבום, דורכדעם וואס מען האט געלערנט האט מען מקיים געוועןן די מצוה.

**און** אזוי איז אויך ביי יעדע מסכת וואס מען לערנט, לערנט מען דאך אדורך גרויסע חלקים פון די תורה, און אז דער אויבערשטער העלפט אי"ה, מען האט דאך שוין א דריטל פון ש"ס געענדיגט ביז יעצט, און מען לערנט ווייטער, קומט מען צו אז מען זאל קענען אלעס מתקן זיין אין דעם גלגול אויף די וועלט אז מען זאל נישט דארפן נאכמאל נתגלגל ווערן.

**און** אפילו מען האט פארפעלט עטליכע בלעטער פון די מסכת, און עס איז דא לעכער אינדערמיט, נעמט עס נישט אוועק פון די חשיבות פון וואס מען האט מסיים געוועןן. אן אריח על גבי לבינה האט א חשיבות דער מקום החלק אויך. א גרויס חלק האבן גענומען בחינות אויף דערויף, אשרי חלקם! און צו דעם וויל איך צוגעבן די הוספה, אפילו די וואס האבן געלערנט ביז יעצט יבמות אן בחינות, מען זאל פרובירן ממשיך צו זיין די קומענדיגע מסכת מיט בחינות! מען זאל נישט מורא האבן, איך קען נישט.. איך קען נישט געננוג לערנען איך זאל קענען זיך שטעלן צו די בחינות.. די בחינות זענען נישט קיין שווערע בחינות. אז מען האט געלערנט קען מען עס. עס איז נישט קיין געדרייטע שאלות וואס מען זאל שווער מאכן דאס פארהערן, דאס איז די גרינגסטע אז מען זאל קענען פשוט ווען א יונגערמאן האט אדורך געלערנט די בלאט גמרא זאל ער וויסן וואס ער האט געלערנט.

**אז** מען לערנט מיט בחינות, לערנט מען אנדערש, בשעת מען לערנט איז דער קאפ ביי דעם וואס מען לערנט, ער קען נישט אדורכלאזן א שטיקל גמרא און א שטיקל רש"י וואס ער זאל נישט פארשטיין, ווייל ווען עס וועט קומען צו די בחינה וועט ער דאך דאס דארפן וויסן. עס געבט אריין אן אנדערן טעם אין דעם לערנען אז מען זאל פארשטיין וואס מען לערנט, און מען זאל איבער'חזר'ן וואס מען לערנט. און אז ער דארף קענען סוף חודש די צען בלאט וואס ער שטעלט זיך צום בחינה, טראכט ער די גאנצע צייט דערפון, ווען ער גייט אויף די גאס טראכט ער דערפון, און ווען ער האט פרייע צייט ליגט ער אין דעם. עס איז א געוואלדיגע חשיבות די וואס נעמען די בחינות, עס איז מער צייט אריין אין איבער'חזר'ן ווי די שעה וואס ער זיצט ביי די גמרא און ער לערנט עס. מען ליגט אין תורה די גאנצע צייט, און ווי מען איז נאר ליגט מען אין תורה.

**אונז** האבן היינט א וועלט וואס מען דארף נישט פארלייגן וויאזוי די וועלט זעהט אויס. יונגעלייט ווייסן די בעסטע וויאזוי די היינטיגע גאס זעהט אויס, און וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן מען זאל זיך אליין קענען האלטן ערליך. וויפיל סייעתא דשמיא דארפן מיר האבן אז אונזערע קינדער וואס הייבן אן נאר יעצט צו לעבן, און זיי גייען גראד אריין זיי ווערן שוין ערצויגן מיט זאכן וואס אונז האבן נישט גע'חלומען ט אז עס וועט אמאל זיין אויף די וועלט, און זיי ווערן שוין מיט דעם געבוירן, וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליך. אין לנו שיור רק התורה הזאת! נישטא פאר אונז נאר די תורה! תורה דאס איז בראתי יצר הרע בראתי לו תורה

תבלין (קידושין ל:), תבלין פאר זיך אליין. און בנוסף צו דעם אויך ווי מען האט פריער גערעדט, דאס איז 'בוניך', דאס בויעט אויף די שטוב. און די שטיבער ווי מען איז זיך יעצט קובע צו לערנען תורה און די קינדער וואקסן אויף אויף דעם וועג, און זיי זעהן דער טאטע האט יעדעס יאר מסיים געווען א מסכת, און אמאל מער ווי איין מסכת אז עס איז אויסגעקומען, דאס געבט חיזוק אז דאס קינד זאל זיך ווייטער אויפפירן אויף דעם וועג. און ביי אונזערע קינדער וועט נאר זיין די תורה וואס וועט זיי האלטן אז זיי זאלן קענען ווייטער גיין אויפן דרך התורה.

**עס** איז א געוואלדיגע זכיה און א געוואלדיגע שמחה פאר יעדן איינעם וואס האט אנטייל-גענומען אין דעם סיום, פאר מיר אליין א פערזענליכע שמחה. איך האב שוין כמה פעמים געזאגט, אז בשעת מען האט אנגעהויבן צו לערנען יבמות, האב איך געמיינט אז דא וועט זיך עס ענדיגן.. עס וועט טאקע זיין יונגעלייט וואס וועלן ממשיך זיין און לערנען יבמות, אבער פון די בחינות איז אפגערעדט אז א יונגערמאן וועט נישט קענען אדורכגיין די בחינות פון יבמות. — און איך וויל זאגן די איבערראשונג וואס מען האט געהאט, אז יבמות האט געהאט מער משתתפים אין די בחינות ווי אלע מסכתות וואס מען האט געהאט ביז יעצט!! דאס טייטש, יונגעלייט וואס האבן עס גענומען אויף זיך, זיי האבן געוואוסט עס איז שווער און דאך האבן זיי זיך אריינגעלייגט צו לערנען, און נעמען די בחינות. סוף פונעם יאר האבן אונז געהאט מער בחינות אויף יבמות ווי מיר האבן געהאט אויף די פריער'דיגע מסכתות. איז א סימן אז אין לך דבר שעומד בפני הרצון! אז מען וויל קען מען!

**מען** הייבט יעצט אן מסכת כתובות, עס איז אסאך און אסאך גרינגער, עס איז דאך ש"ס קטן. אמאל דארף מען קענען גאנץ ש"ס כדי אז מען זאל אפקומען דעם גלגול אדורכצולערנען אלעס, און מען קען עס יעצט קאמפעקטן אין א קליינעם ש"ס, ער האט אדורכגעלערנט גאנץ ש"ס האט ער אדורכגעלערנט אינעם ש"ס קטן. זאל יעדער איינער זיך פרובירן זיך צוצושטעלן ווייטער און ממשיך זיין דערמיט, און פרובירן אנצוהייבן מיט בחינות, ער זאל זיך נישט דערשרעקן, און טאמער וועט ער נישט קענען קיין בחינה איז אויך נישט עק וועלט, און טאמער ער וועט פארפעלן ער וועט נישט קענען אלע שאלות, ער וועט נאר קענען א חלק דערפון, דארף ער זיך אויך נישט דערשרעקן דערפון, די תועלת דערפון איז זייער גרויס.

*

**איך** וויל באדאנקען פאר די אלע וואס טוען דערין א גאנץ יאר, אין די 'ובהם נהגה', **ר' יושע שטערן** וואס ער פירט עס אן אין בארא פארק אין מאנסי אין לעיקוואוד, די חבורות וואס מען לערנט צוזאמען, און דא אויפן פלאץ אליין איז דאך דא, מען האט שוין פריער געהערט די אלע וואס האבן זיך צוגעשטעלט דערצו וואס זיי טוען מעודד זיין דעם ציבור צו לערנען, און זיי שטעלן צוזאם דאס געלט כדי אז מען זאל קענען אנהאלטן מיט די בחינות.

**פאר** די מסיבה אליין די נדיבי עם וואס האבן צוגעגעבן דערצו וואס וועט איבערלאזן א געוואלדיגן רושם אויף שפעטער ממשיך צו זיין די מסכת. דאס יאר וועט זיין א יאר וואס איז מוקדש פאר מסכת כתובות.

**דער** אויבערשטער זאל געבן, אז משיח וועט נישט קומען, זאל מען זיך געזונטערהייט קענען צוזאמען צו קומען נאכאמאל אויף אזא שמחה ווען מען וועט ענדיגן די קומענדיגע מסכת. דער אויבערשטער זאל אונז געבן די כוחות הנפש צו קענען זיך מתגבר זיין אויף אלע שוועריקייטן וואס מען האט, און קענען לערנען און מסיים זיין די מסכת, זאלן מיר אלע זוכה זיין אז דער זכות פון די תנאים און אמוראים וואס מען זאגט סוף פון די מסכת וואס מען האט געלערנט זאלן אונז באגלייטן, אויף אונזער גאנצן וועג שפעטער, מען זאל קענען דינען דעם אויבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב. און זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.

# מעמד חלקינו לאנ"ש לעיקוואד

## לרגל סיום מסכת יבמות והתחלת מסכת כתובות

יום ד' פרשת לך לך תשפ"ג לפ"ק

**ברשות** הרבנים הגאונים שליט"א, וויל איך מקדים זיין בברכה די אלע חשוב'ע מסיימים וואס האבן געענדיגט יעצט מסכת יבמות אין דעם סדר פון "ובהם נהגה". א גרויס חלק האבן אנגעהויבן שוין פון אנהייב ש"ס, און ב"ה אז מען האלט ביי די היינטיגע מסיבה.

**עס** איז ביי אונז אין די קהילה שוין א ברכה משולשת די וואך, שוין די דריטע מסיבה וואס מען מאכט כבוד די סיום פון "ובהם נהגה". עקסטער איז געווען אין ב.פ., עס איז געווען אין מאנסי. דעם אנדערן זונטאג וועט זיין אין וויליאמסבורג. יעצט איז פאר די חבורה אין לעיקוואוד.

**א** געוואלדיגע זכיה פאר יעדן איינעם וואס האט זוכה געווען מסיים צו זיין די מסכת און מיטצוהאלטן לימודים. מען מאכט א חשבון א גאנץ שנת תשפ"ב וואס האט מען אוועקגעגעבן אז מען זאל קענען אדורכלערנען די מסכת, מען האט אנגעהויבן חשון און מען האט יעצט געענדיגט די מסכת. וויפיל הונדערטער שעות תורה איז אריין געגאנגען אין דעם יאר וואס מען האט אוועקגעגעבן פאר לימוד התורה. אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו, שלא שם חלקינו כהם ווי די וואס האבן זיך נישט קובע געווען צו תורה, עס איז אדורך א יאר מיט אזויפיל הונדערטער שעות וואס איז אדורכגעגאנגען פאר ליידיגקייט וואס מען האט דערפון גארנישט, עס איז גארנישט געבליבן דערפון, און די וואס זענען געזעסן און געלערנט, האבן קונה געווען א גאנץ יאר תורה. א יאר וואס דער קאפ איז געלעגן אין תורה, מען האט געלערנט און מען האט עס איבערגע'חזר'ט מען האט געגומען בחינות דערויף. עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר יעדן עקסטער וואס דער אויבערשטער האט איהם געגעבן די זכיה אז ער האט געקענט זיין א חלק דערפון.

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, אז אברהם אבינו האט זיך אפגערעדט פאר'ן אויבערשטן, 'מה תתן לי ואנכי הולך ערירי' (בראשית טו-ב), און דער אויבערשטער האט אים געזאגט (פסוק ה), 'הבט נא השמימה' קוק ארויף אויפן הימל, 'וספור הכוכבים' צייל די שטערן, 'אם תוכל לספור אותם, ויאמר לו כה יהיה זרעך', אזוי וועלן זיין דיינע קינדער. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער באשעפער האט אים מרמז געווען דעם דיפערענץ פון כלל ישראל ביז די אומות העולם. 'אתם המעט מכל העמים' (דברים ז-ז), אונז זענען די קלענסטע פאלק פון אלע אנדערע פעלקער, אונז זענען די מושפל'דיגסטע פאלק וואס איז דא אויף די וועלט. כאטשיג אונז זענען די שענסטע אין אונזער הנהגה, נישטא קיין שום אומה ולשון וואס קען זיך פארגלייכן צו אונז, סיי אין אונזער מדת החסד, סיי וויאזוי אונז פירן מיר זיך אויף בין אדם לחבירו און בין אדם לקונו. אבער מיט דעם אלעם, די קנאה וואס איז דא אויף אונז פון די אומות העולם, האט צוגעברענגט אז זיי זאלן אונז משפיל זיין. אבער אפילו מען דערקענט נישט די חשיבות פון אונז דא אונטען, אבער אין הימל זענען אונז 'מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ' (דה"י א' יז, כא).

**שטערנס**, איז ווען מען קוקט פון די וועלט, קוקט עס אויס זייער קליין. גארנישט, א ליכטיגקייט, א פונק וואס איז דא אויבן אין הימל. אבער אונז ווייסן אז אויבן זענען די שטערנס גרעסער, טייל שטערנס זענען אפילו גרעסער פון די וועלט. יעדעס איינער לייכט פאר זיך. דער אויבערשטער האט אים געזאגט, קוק אויף די כוכבים, ווען מען קוקט פון דא אונטען איז עס גארנישט, אבער יעדער ווייסט וויאזוי די כוכבים קוקן אויס אויבן, 'כה יהיה זרעך' אזוי וועלן זיין דיינע קינדער, אפילו אויף די וועלט וועלן זיי זיין נידריג, אבער אין הימל זענען זיי זייער חשוב. - דאס איז אין כלליות פון כלל ישראל.

**די** זעלבע איז יעדער איד פאר זיך. אונז זענען מלאים מצות כרימון, אפילו פושעי ישראל זאגט די גמרא

(עירובין יט.) זענען מלאים מצות כרימון. אונז טוען אסאך מאל אונטערשאצן אונזער זכיה וואס אונז האבן, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן אז אונז זענען מלא מצוות כרימון, יעדער איד פון ווען ער שטייט אויף ביז ער לייגט זיך, גייט אדורך אויף אים צענדליגער און צענדליגער מצות וואס ער איז מקיים. און וויפיל שעות פון תורה עס גייט אדורך וואס ער לערנט, א גאנצן טאג ארבעט ווען עס איז משאו ומתנו באמונה 'בכל דרכיך דעהו' (משלי ג-ו), ער איז מלא מצות ומעשים טובים. אונז טוען נישט גענוג שעצן אסאך מאל אונזער זכיה וואס אונז האבן אז אונז קענען דינען דעם אויבערשטן.

**א** מענטש אסאך מאל איז זיך מבטל פאר זיך אליין, וואס האב איך געטוען? איך האב שוין געלערנט? איך האב שוין געדאוונט? איך האב שוין געגעבן צדקה וכדומה? — יעדע זאך וואס א יוד טוט אויף די וועלט איז אויבן אין הימל געוואלדיג חשוב! אזוי שטייט אין חז"ל (ראה איכ"ר א-לג) ישראל זענען נותנין כח בפמליא של מעלה, אונז כלל ישראל געבן מיר א כח כביכול אויבן צום אויבערשטן, 'תנו עוז לאלקים' (תהלים סח-לה). און ח"ו אז מען זינדיגט איז פארקערט, איז מען מתישין כח של מעלה. אונז שעצן נישט אליין ווי חשוב אונז זענען, און ווי חשוב עס זענען אונזערע מעשים וואס אונז טוען.

**דאס** איז אויך דער ענין פון ישראל נמשלו לכוכבים, פאר אונז קוקט עס אויס אויף די וועלט וואס אונז טוען איז קליינינקייטן מען איז אסאך מאל נישט מחשיב, אבער אין הימל לייכט עס אויבן. 'כה יהיה זרעך' אזוי וועלן זיין דיינע קינדער, זיי וועלן זיין נמשלו לכוכבים וואס אויף די וועלט וועלן זיי זיך נישט מחשיב זיין, אבער אויבן אין הימל זענען זיי זייער חשוב.

**מען** לערנט א מסכת און מען לערנט עס מיט א חבורה צוזאמען. אונז טוען נישט גענוג שעצן וואס דאס טוט אויף פאר זיך אליין, וואס דאס טוט אויף פאר זיין בני בית, און וואס עס טוט אויף פאר זיינע קינדער. ביי זיך אליין וויאזוי עס טוישט דעם מענטש, א יוד גייט ארויס אויף דער גאס איז ער נישט פון די יושבי קרנות, איז ער אויך פון די יושבי בית המדרש. תורה איידלט אויס א מענטש, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), יעדער איינער וואס האט מיטגעלערנט שפירט עס ביי זיך, ער איז נישט דער זעלבער מענטש בעפאר ער האט אנגעהויבן מיטצוהאלטן "ובהם נהגה", צו דעם וואס ער איז יעצט. — דאס איז פריוואט פאר זיך.

**ווען** מען רעדט פון די שטוב, וויפיל ווערט א מאן געשעצט אינדערהיים פון די בני בית און פון די קינדער ווען ער איז א בן תורה. ווען מען זעהט די פרייע צייט וואס ער האט זיצט ער נישט ליידיג, ער נעמט די גמרא און ער דארף ענדיגן דעם שיעור היינט, עס קומט סוף פון די וואך חזר'ט ער איבער וואס ער האט געלערנט, די זונטאג'ס האט ער נישט קיין צייט אז ער זאל קענען אוועקגעבן פאר נארישקייטן, ווייל מען דארף זיך פארהערן און מען דארף קענען וואס מען האט געלערנט. וויפיל מען שעצט נאכדעם א מאן, און וויפיל מען קוקט ארויף אויף איהם, וויפיל איז מען מוותר שפעטער ווייל ער דארף לערנען און מען קען איהם נישט אויסנוצן און מען קען נישט פארלאנגען פון אים אלעס וואס מען וואלט ווען געוואלט. עס געבט א געוואלדיגן חשיבות אינעם שטוב פאר די בני בית און כל שכן פאר די קינדער, זיי האבן א טאטע א בן תורה, א טאטע וואס זיצט און לערנט. בדרך כלל קינדער ווילן נאכגיין אין די וועגן וואס מען זעהט ביי די עלטערן, וואס ער האט געזעהן ביי זיין טאטען מאכט ער נאך, און ער פרובירט עס צו טוען, וואס ער האט נישט געזעהן ביי זיין טאטען איז עס שוין ביי אים א באנוס אז ער פירט זיך אנדערש. ווייל בדרך כלל וואס מען זעהט ביי עלטערן דאס בלייבט איינגעבאקן אין די קינדער. א קינד וואס ווערט ערצויגן וואס ער ווייסט אז דער טאטע ביינאכט זעצט זיך צו א שיעור און ער לערנט, און ווען עס קומט א צייט חזר'ט ער איבער וואס ער האט געלערנט און ער פארהערט זיך דערויף, דאס קינד ווערט מעיקרא אזוי אויפגעבויעט, אז מען קען נישט אדורכגיין א טאג אן תורה. און ווען ער וועט ווערן גרויס וועט ער אויך לערנען א מסכת ער וועט אויך וועלן מסיים זיין, מיין טאטע האט אדורכגעלערנט ש"ס, און איך וועל אויך אי"ה אדורך לערנען ש"ס. עס לאזט איבער א געוואלדיגן השפעה.

אונז שעצן נאר נישט אסאך מאל וואס אונז טוען, ביי אונז קוקט עס אויס ווי כוכבים קליינינקייטן, אבער אין הימל, קוק ארויף אויבן וועסטו זעהן 'כה יהיה זרעך', וואס יעדע קליינינקייט פון אונז וויאזוי עס שיינט אויבן.

**דער** אויבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, 'הבט השמימה' קוק ארויף אויפן הימל 'וספור הכוכבים' און צייל די שטערנס. אונז ווייסן דען נישט ווי שטערנס זענען? אז שטערנס זענען אין הימל?, מען דארף אים זאגן 'הבט השמימה' קוק ארויף אויפן הימל און צייל די שטערנס? ווען דער אויבערשטער זאגט אים ווען 'הבט לכוכבים' - קוק אויף די שטערנס 'אם תוכל לספור אותם', וואלט ער אויך געוואוסט וואו ער דארף צו קוקן, וואס האט דער אויבערשטער מאריך געווען קוק אויפן הימל און זעה די שטערנס צי דו קענסט עס ציילן? איז דאך טייטש אז אין הבט השמימה ליגט אויך עפעס א דיבור וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו.

**ווען** מען זיצט א חבורה און מען לערנט צוזאמען, עס איז נישט נאר די עצם זאך אז לימוד התורה האט א געוואלדיגע חשיבות. די חבורה אליין וואס מען לערנט צוזאמען, מען טרעפט זיך מיט א צווייטן קען מען איבער שמועסן א זאך, מען האט דאך געלערנט דעם זעלבן ענין, דער אהבת חברים וואס שאפט זיך ווען מען איז אין א חבורה צוזאמען, דאס אלעס לאזט איבער א געוואלדיגע השפעה שפעטער אויפן מענטש. מען ענדיגט דאך די מסכת (יבמות קכב:) תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם, תלמידי חכמים מען זיצט און מען לערנט דאס ברענגט שלום און אחדות אז מען זאל זיין צוזאמען.

**דער** אויבערשטער האט באשאפן דעם הימל, האט ער גענומען אש ומים פייער מיט וואסער און עס צוזאמגעשטעלט, און פון דעם האט ער געמאכט דעם הימל. וועגן דעם הייסט עס 'שמים', ווייל 'שמים' איז נוטריקון אש ומים פייער מיט וואסער (רש"י בראשית א-ח), די שי"ן איז פון די אש, און מים איז וואסער פון דעם האט דער אויבערשטער צאמגעשטעלט דעם הימל. אונז ווייסן אז אש ומים בדרך כלל גייט נישט צוזאמען, אדער לעשט אויס די וואסער דעם פייער, אדער קאכט דער פייער אויס דעם וואסער, אבער עס זאל קענען אנהאלטן אש ומים צוזאמען איז נישטא, און אויפן אויבערשטן זאגט מען (איוב כה-ב) 'עושה שלום במרומיו', דער אויבערשטער מאכט שלום אויבן 'במרומיו' אין הימל, אז האט ער צאמגעשטעלט אש ומים (רש"י שם).

**איך** האב אמאל געזעהן שטיין, אז דעם הימל האט דער אויבערשטער א נאמען געגעבן פאר די אש ומים, וואלט עס געדארפט הייסן 'אשמים', צוזאמשטעלן אש ומים, פארוואס האט מען פון אש אראפגענומען דעם אל"ף און עס איז געבליבן שמים, פייער און וואסער דארף שטיין אש ומים, אשמים וואלט עס געדארפט הייסן? פארוואס האט דער אויבערשטער צוגענומען דעם אל"ף ער האט געלאזט שמים אליין. דער **חתם סופר** שרייבט (פרשת לך ד"ה הבט) די אל"ף פון אש ומים האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט אין ארץ, וויל די וועלט וואלט געדארפט הייסן רץ פון לשון ריצה, שרצתה לעשות רצון קונה (ב"ר ה-ח ובעץ יוסף שם), עס ווערט אנגערופן 'ארץ' דאס איז די אל"ף פון שמים, ער זאגט על פי דרכו פארוואס דער באשעפער האט עס משלב געווען צוזאמען.

**איך** האב אמאל געזעהן שטיין, אז מען וויל האבן שלום, מען וויל האבן א חברותא צוזאמען און מען וויל זיך קענען אדורך קומען איינער מיטן צווייטן, דארף מען קענען מוותר זיין פון זיך, מען מוז עפעס אוועקגעבן פון זיך. א מענטש וואס וויל אלעס אויספירן, עס דארף אלעס זיין אבער זיין וועג, אז נישט איז נישטא קיין וועג מיט איהם, אזא איינער קען נישט לעבן בשלום מיט א צווייטן. עס איז נוגע אין א חבורה פון יונגעלייט, עס איז נוגע אין שטוב, אז מען וויל עס זאל זיין שלום אין שטוב קען נישט יעדער שטיין אויף זיינע עקרונות, אז עס זאל אלעס ווערן אויסגעפירט אזוי ווי ער וויל, מען דארף קענען מוותר זיין, עס מוז נישט אלעס זיין אזוי ווי איך וויל, מען איז מוותר ווערט שלום אין שטוב.

**און** די זעלבע איז אין ביזנעס, שותפים צוזאמען, צו ארבייטער מיט א בעל הבית צוזאמען, ביז ווי לאנג א מענטש שטייט אויף זיינע זאכן אז ער קען זיך נישט

טוישן, איז זייער שווער אז עס זאל קענען זיין א שותפות אינאיינעם.

**דער** איבערשטער האט צאמגעשטעלט אש און מים און זיי מוזן זיין צוזאמען, האט דער איבערשטער געזאגט פאר דעם אש, דו מוזט עפעס מוותר זיין פון דיר אז דו זאלסט קענען לעבן צוזאמען מיט אש ומים, נעם דעם אל"ף און לייג אים אין דער זייט זיי מוותר דעם אל"ף. אויסצולערנען אז אש ומים קענען נאר זיין שותפים ווען מען איז מוותר, דער אש איז מוותר אויף זיין אל"ף.

**נו** פרעגט זיך אבער א צווייטע שאלה, פארוואס דארף די אש מוותר זיין, זאל די מים מוותר זיין? דער אש געט אוועק פופציג פראצענט פון זיך, ער איז געבליבן נאר מיטן ש"ן, אויף האלב האט ער מוותר געווען, אבער דער מים איז געבליבן אינגאנצן. לכאורה זאל דער מים אוועק געבן איין מ"ם וועט ער אויך בלייבן צווי, אש וועט בלייבן מיט צווי אותיות, צווי און צווי איז דאך מער פאסיג איינס צו דאס אנדערע? פארוואס האט מען גענומען דער אש זאל מוותר זיין פאר די מים? נאר ווייל דער וואס איז אש ער דארף זיין דער מוותר. דער אש דער ברענט ער איז קאכעדיג, ער לאזט נישט נאך, דער אש ווען ער איז מוותר דעמאלטס קען זיך עס האלטן. 'עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו', אזיווי דער איבערשטער האט געמאכט שלום אויבן אין הימל ער האט צוזאמגעשטעלט די אש און מים און ער האט עס אנגערופן שמים, ער האט אוועקגענומען דעם אל"ף צו לערנען אונז אז מען דארף מוותר זיין, די זעלבע 'הוא יעשה שלום עלינו', אז אונז ווילן לעבן מיט שלום, מען וויל האבן א גוטע חברותא צוזאמען, מען וויל אז די שטוב זאל זיין א רוהיגע שטוב, מען וויל אז אין די ארבעט זאל זיין רוהיג, דארף מען זיך אויסלערנען מען דארף מוותר זיין פון זיך עפעס דעמאלטס קען ער זיין רוהיג. איי זאל יענער מוותר זיין. דער אש דארף אבער מוותר זיין, נישט די מים איז מוותר.

**האט** דער איבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו, 'הבט נא השמימה' קוק ארויף אויפן שמים, עס הייסט 'שמים' ווייל עס איז אש ומים, איך האב עס צוזאמגעשטעלט צוזאמען, נו פארוואס הייסט 'שמימה', עס וואלט ווען געדארפט הייסן אשמים? איז דאך נאר ווייל מען דארף מוותר זיין. שמים לערנט אונז מען דארף מוותר זיין איינער פאר'ן צווייטן, 'כה יהיה זרעך' אזוי וועלן זיין דיינע קינדער. עס זאל זיין תלמידי חכמים זענען מרבים שלום בעולם, אז מען לערנט זיך אויס מוותר צו זיין איינער פאר'ן צווייטן, מען לעבט מיט א חברותא צוזאמען, און עס איז נישט אלעס אזיווי איך האב געוואלט, ווייל עס קען נישט זיין יעדער מענטש זאל זיין אייניג אזוי ווי דער צווייטער, דעמאלטס איז מען זוכה אז עס קען זיין שלום אין א חבורה און אחדות צוזאמען.

**און** דאס איז די מעלה פון "ובהם נהגה" וואס מען לערנט צוזאמען און עס איז א חבורה צוזאמען, עס איז א געוואלדיגע חשיבות נישט נאר צו לערנען מיט א חברותא אינאיינעם, מען דארף קומען אין בית המדרש מיט איין חבורה צוזאמען, צי א שיעור צוזאמען, דאס געבט צו אסאך אויסערן לימוד התורה, די נאנטקייט וואס מען דארף האבן איינער צום צווייטן. מען לעבט דאך היינט אין זייער א שווערע וועלט און מען דארף האבן אסאך חיזוק אז מען זאל זיך קענען האלטן, און א גוטע חבורה, גוטע חברים צוזאמען הרבה חברותא עושה, אזוי שטייט אין די גמרא (עפ"י סוטה ז.), עס טוט אויף שלעכטס, ווען מען איז ח"ו אין נישט קיין גוטע חברותא. איז דאך אודאי מדה טובה מרובה אז א גוטע חברותא טוט זייער אסאך אויף, דאס איז א חלק וואס טוט צוהעלפן דערצו עס זאל זיין דער ריכטיגער שלום וואס דארף צו זיין, וואס תלמידי חכמים זענען מרבים שלום בעולם.

**מען** האט געענדיגט מסכת יבמות, יעדער ווייסט אז עס איז זייער א שווערע מסכת, עס איז שווער אז מען זאל עס לערנען, אסאך שווערער איז נאכדעם זאל מען געדענקען וואס מען האט געלערנט און נעמען א בחינה דערויף. מען רעדט דאך נישט יעצט פון קיין כולל יונגעלייט וואס זיי זענען געזעסן א גאנצן טאג און געלערנט, מען רעדט פון רובא דרובא פון די חבורה יונגעלייט וואס זענען עוסק על המחיה ועל הכלכלה, מען ארבעט א גאנצע וואך, און ביינאכט אויסגעמוטשעטערהייט נעמט מען אראפ דעם שעה

צו לערנען, א טייל נעמען דעם שעה צופרי, און א טייל ביינאכט, אבער עס קומט מיט אסאך יגיעה די שעה וואס מען געבט אוועק פארן לערנען. און אז מען זאל עס געדענקען און מען זאל עס חזר'ן און מען זאל עס נאכדעם זיך פארהערן, דארף מען דאך אוועקגעבן דערפאר אסאך שעות און יגיעה. און עס איז געווען א געוואלדיגע שוועריקייט אז מען זאל עס קענען אדורכגיין.

**איך** האב געמיינט ווען מען האט אנגעהויבן לערנען יבמות, אז דא ענדיגט זיך "ובהם נהגה"... דאס איז געווען מיין בליק פון אנהייב, מען האט געלערנט טאקע מועד עס איז געגאנגען גאנץ פיין, מיט בחינות, אבער עס וועט קומען יבמות אפילו עס וועלן זיין וואס וועלן מיטהאלטן און מען וועט לערנען, אבער פון בחינות איז מאן דכר שמיה. — איך מוז זאגן, "ובהם נהגה", די וואס האבן מיטגעהאלטן יבמות, פון אלע יארן האט מען געהאט די מערסטע בחינות אין מסכת יבמות! עס איז נישט געווען אין די אלע מסכתות וואס מען האט געלערנט אזויפיל וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו די בחינות אויף מסכת יבמות. אין לך דבר שעומד בפני הרצון. מען האט געלערנט די פריער'דיגע מסכתות און מען האט געזעהן אז מען קען עס, עס איז נישט עק וועלט און מען קען קענען א מסכת מיט די בחינות, האט מען מחליט געווען ווען מען האט אנגעהויבן צו לערנען יבמות, יעדער פאר זיך האט מחליט געווען, איך גיי דאס אויך קענען! און אז מען וויל קומט מען אן! — און אז מען האט געקענט קענען יבמות, קען מען קענען כתובות אויך, כתובות איז אסאך גרינגער, כתובות איז ש"ס קטן א קליינער ש"ס, און מען קען צוקומען דערצו, עס איז זייער אסאך מחייב די וואס האבן געלערנט, די וואס האבן נישט געלערנט, צו וויסן וויפיל מען קען אנקומען.

**און** די וואס האבן נישט געגומען בחינות, זיי האבן נאר געלערנט פאר זיך, אויך א דבר גדול וואס יעדער האט זוכה געווען כאטשיג אדורכצולערנען די מסכת, אבער מען דארף זיין אלץ א מוסיף והולך. עס קומט א נייע מסכת א גרינגערע מסכת, הייבטס אן מיט בחינות. עס איז אנדערש ווען מען לערנט א זאך וואס מען וויל זיך לאזן פארהערן שפעטער, עס לערנט זיך מעיקרא אנדערש, מען לייגט צו מער קאפ צו וואס מען לערנט, מען טראכט דערפון, ווען מען האט צוגעמאכט די גמרא און מען גייט ארויס ארבעטן מען גייט אויף די גאס טראכט מען איבער די גמרא, איך וועל דאך דארפן סוף חודש זיך פארהערן וואס מען האט געלערנט און נעמען א בחינה דערויף. דער קאפ איז פול מיט תורה! טעמו וראו כי טוב ה'!, פרובירטס אויס, הייבטס אן, ביז חנוכה, נעמען איין חודש, אדורך צו לערנען "ובהם נהגה" צען בלאט א חודש, און איך גיי מיך שטעלן אויף א בחינה. עטץ וועטס זעהן ווי גרינג עס איז, און עטץ וועטס זעהן אז מען קען עס מאכן, און דאס וועט געבן א געוואלדיגן שטופ אויף שפעטער אז מען זאל קענען נאכדעם נישט די מסכת, נאר קענען שפעטער אויך אסאך מסכתות לערנען. כתובות ווערט אנגערופן ש"ס קטן, ווען מען לערנט אדורך מסכת כתובות האט מען א ידיעה אין אלע מצות פון די תורה.

**איך** האב געטראכט היינט, מען ווייסט אז תלמוד תורה איז כנגד כולם (פאה א-א), די חשוב'סטע מצוה איז תלמוד תורה, נישטא נאך אזא מצוה ווי תלמוד תורה. עס איז א מצוה וואס איז אי אפשר לעשותה על ידי אחרים איך מוז עס אליין טוען, מען איז מחויב מבטל זיין תורה כדי צו טוען די מצות פונעם אויבערשטן. ער דארף לערנען און ער דארף לייגן תפילין וכדומה, ער קען נישט זאגן איך דארף לערנען די שעה, ווייל אויף דעם איז געגעבן געווארן תורה מען זאל מקיים זיין די מצות ה'. אבער א מצוה וואס איז אפשר לעשותה על ידי אחרים מען קען עס טוען דורך אנדערע, איז די הלכה (יו"ד רמו-יח) קומט תלמוד תורה פריער, זאל יענער טוען די מצוה און ער וועט לערנען תורה. אלץ האב איך פארשטאנען אז דער טעם דערפון איז, תורה איז א געוואלדיגע קדושה, עס איז דא א מצוה קלה עס איז דא א מצוה חמורה, און תורה דאס איז די העכסטע די ערשטע פון אלע מצוות.

**קען** זיין אז עס ליגט נאך א טעם פארוואס איז תורה כנגד כולם. לימוד התורה שטייט אין די גמרא (מנחות ק'.) כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, א מענטש לערנט איז נישט נאר ער האט געלערנט די

פרשה, די תורה רעכנט אים כאילו ער איז מקיים די מצוה וואס ער האט געלערנט. קומט אויס ווען א מענטש לערנט מסכת שבת, איז נישט נאר ער האט געלערנט מסכת שבת, די תורה איז אים מחשיב כאילו ער איז מקיים די מצוה פון שבת, אזיוויי העוסק בתורת עולה איז כאילו הקריב עולה, די זעלבע איז ביי יעדע מצוה ווען א מענטש לערנען די זאך, האט עס א חשיבות ווי ער האט מקיים געווען די מצוה. כל העוסק בתורת עולה איז ער נאך אלץ מחויב צו ברענגען אן עולה, כאטשיג עס איז כאילו הקריב עולה, אבער עס איז 'כאילו' הקריב עולה. די זעלבע איז ביי יעדע מצוה, א מענטש קען לערנען אינדערוואכן מסכת שבת און ער איז מקיים מצות שבת. ער איז דאך יעצט עוסק בתורת שבת ווערט עס גערעכנט ווי ער איז עס מקיים.

**עס שטייט** אין זוהר הק' (ח"ג קעט:), מעולם לא זזה שכינה מישראל אפילו בשבת של חול, און מען פלאגט זיך, ווי קען זיין א שבת של חול? די תירוץ איז, יא! מען קען מאכן זונטאג אויך שבת, מאנטאג קען אויך זיין שבת, ער לערנט מסכת שבת און ער לערנט מסכת פסחים איז ביי אים פסח. מען קען מקיים זיין די מצוה מיטן לימוד התורה.

**קומט** אויס יעדע לימוד התורה האט אין זיך צוויי מצות. עס האט די מצוה פונעם לימוד וואס ער לערנט, און אז עס איז נחשב כאילו ער איז מקיים וואס ער האט געלערנט, האט ער דאך יעצט מקיים געווען מצות שבת, און מארגן איז ער מקיים מצות עירובין און נאכדעם אין פסחים א.א.וו. קומט אויס אז תורה האט א געוואלדיגן חשיבות. אז מען לערנט אדורך ש"ס האט מען אדורכגעלערנט כל התורה כולה, און מען האט מקיים געווען אלע מצות שבתורה, אפילו עס איז נישט אויסגעקומען בפועל ער זאל עס מקיים זיין, אבער מיטן לימוד התורה איז ער עס מקיים.

**מסכת** כתובות איז דאך ש"ס קטן, מען קען מסיים ש"ס. נישט קיין גרויסער ש"ס אבער א קליינעם ש"ס קען מען אין משך פונעם יאר מקיים זיין. און אז מען לערנט אדורך רוב התורה כולה, איז כאילו מען האט מקיים געווען אויך רוב מצות התורה, וואס דאס איז דער שלימות פונעם נפש מקיים זיין אלע מצות פון די תורה.

**מען הייבט** אן מסכת כתובות, זאל מען פרובירן, אפילו ווער עס האט נישט מיטגעהאלטן ביז יעצט, פונדעסטוועגן דאך זאל ער אנהייבן, און ער וועט געוואויר ווערן אז עס איז נישט שווער און מען קען עס קענען, די וואס האבן יא געלערנט זאלן נעמען אויף זיך אנהייבן פון יעצט אן צו לערנען מיט בחינות, זיך לאזן פארהערן צען בלאט א חודש עס איז נישט עק וועלט אז מען זאל עס נישט קענען קענען, און אז מען וועט פרובירן וועט מען זעהן ווי גרינג עס איז צו קענען און עס וועט געבן חשק ווייטער אז מען זאל אנדערע מסכתות מקיים זיין.

**מען** האט פריער גערעדט, עס טוישט דעם יונגערמאן וואס לערנט תורה, עס טוישט די חשיבות אין שטוב פון א בן תורה, עס איז א חינוך פאר די קינדער די וואס לערנען.

**זאל** דער אויבערשטער געבן עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין אין לימוד התורה. איך וויל עקסטער באדאנקען פאר ר' דוד זאל זיין געזונט וואס ער איז דער רוח החיים דא כדי אז מען זאל קענען אנגיין דער "ובהם נהגה", עס איז נוגע צו די תמיכות פאר די וואס לערנען, און אזוי אויך ארגאניזירן אלעס און אינזין האבן אלעס, עס איז דאך א געוואלדיגע זכות הרבים. ער האט זוכה געווען ער האט אנגעהויבן מיט פינף יונגעלייט און ב"ה וויפיל ער האלט שוין היינט ווייטער, דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל צוקומען נאך און נאך כהנה וכהנה מוסיף זיין אין לימוד התורה. די אלע תומכים וואס העלפן צו דערצו, זאל דער אויבערשטער זיי געבן זיי זאלן האבן ברכה און הצלחה אין אלעס וואס זיי טוען. כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין (עבודה זרה יט:), דאס איז סיי דער וואס איז עוסק ער לערנט אליין און סיי דער וואס איז מסייע אין לימוד התורה, עס געבט אריין אן הצלחה אין אלעם וואס מען טוט.

**זאל** דער אויבערשטער געבן מען זאל קענען ווייטער אויף זיצן און לערנען, דינען דעם אויבערשטן מתוך

שמחה וטוב לבב. איך וויל עקסטער באדאנקען פארן נואם הכבוד ער האט עס אזוי שיין ארויסגעברענגט די חשיבות פון לימוד התורה, איך וויל באגריסן דעם ראש ישיבה וואס האט זיך משתתף געווען צו קומען צו די שמחה, כאטשיג ער איז שטארק פארנומען, פונדעסטוועגן דאך האט ער געשפירט פאר וויכטיג צו געבן דעם כבוד פארן ציבור וואס האבן מיטגעלערנט. זאל דער אויבערשטער געבן ווייטער אויך, זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.

## במסיבת התנאים של הכלה בת הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א

**עב"ג החתן הרב ישראל משה בן הרה"ג רבי שלמה יעקב זיידא אייכענשטיין שליט"א אב"ד גאלאנטא**

מוצאי שבת פרשת לך לך תשפ"ג לפ"ק

**'אודה** ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו' (תהלים קט-ל). איך געב אפ א שבח והודאה פאר'ן רבוש"ע, אז דער אויבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה א טייל צונעמען ביי נאך א תנאים מיין חשוב'ע אייניקל. דער באשעפער זאל העלפן זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

**דער** שידוך ביי מיר האט א ספעציעלע נאנטקייט, מיין טאטע ז"ל געווען א תלמיד פונעם **גאלאנטער רב (הגה"צ ר' יהושע בוקסבוים) זצ"ל**, ער געלערנט ביי אים א יאר, ווען ער איז געווען א בר מצוה בחור, און פון די יאר האט ער גערעדט זיין גאנץ לעבן, שטענדיג האט ער גערעדט פונעם הייליגן גאלאנטער רב, וויאזוי די שבתים האבן אויסגעזעהן דארטן. ער פלעגט צו זאגן, סערדאהעל און גאלאנטא איז נישט ווייט איינס פון דאס אנדערע, עס איז אויסגעקומען שמחות וואס מען האט זיך משדך געווען די צוויי שטעט איינס מיטן אנדערן, דער זיידע דער סערדאהעלער רב זצ"ל ווען ער פלעגט זיך צו טרעפן מיט גאלאנטער רב, זיי האבן זיך ארומגענומען און זיי האבן זיך געקושט אויפן פנים, ארויסצו-ווייזן די אהבה וואס איז אמאל געווען צווישן ערליכע אידן.

**עס איז** ביי מיר א זכיה אויך, איך האב התרת הוראה פון א עלטער עלטער זיידן פונעם חתן, פינף דורות צוריק שוין, פון **(הגה"צ ר' אברהם שלמה כ"ץ) ריסקעווער רב זצ"ל**, תשכ"ו בין איך געווען ביי אים אין ארץ ישראל, און ער האט מיר געגעבן התרת הוראה. עס איז ביי מיר א זכיה, דער אויבערשטער האט געהאלפן ב"ה אז מען איז זיך משדך מיט די משפחה, אזא חשוב'ן חתן וואס שמו הולך לפניו, אויסגענוצט די יונגע יארן צו שטייגן אין תורה און יראת שמים. דין רפיש מבית אבא, א חשוב'ן טאטען און מאמע, גאלאנטער רב זאל זיין געזונט, ובראשם די זיידע דער גאלאנטער רבי זאל זיין געזונט וואס האבן אראפגעשטעלט אזעלכע שיינע אידישע שטיבער, עס איז דא צום האפן מיטן אויבערשטן'ס הילף זאל מיר זעהן ווייטער אויך אסאך שמחות און נחת.

**די** תורה הק' פארציילט די וואך אין די פרשה, ווען אברהם איז אוועקגעגאנגען פון חרן מיט שרה, אויף ארץ כנען, זאגט די תורה (בראשית יב-ח) 'ויט אהלו' האט ער אויפגעשטעלט זיין געצעלט, 'בית אל מים והעי מקדם'. רש"י זאגט 'אהלו' – 'אהלה' כתיב, שטייט מיט א ה"א צום סוף, בתחילה נטע את אוהל אשתו ואח"כ את שלו, קודם האט ער אויפגעשטעלט זיין ווייב'ס געצעלט און נאכדעם האט ער אויפגעשטעלט זיין אייגענע געצעלט. די תורה פארציילט די איידלקייט פון אברהם אבינו, מען דארף האבן א בית, מען איז אין דער פרעמד, קודם דארף זיין צוגעשטעלט פאר איר וואס זי דארף האבן, האט ער צוגעשטעלט איר אוהל, און ערשט נאכדעם האט ער אויפגעשטעלט זיין אוהל.

**שפעטער** ווען מען איז צוריקגעקומען פון מצרים שטייט נאכאמאל 'וילך למסעיו' (בראשית יג-ג) איז ער געגאנגען אויף די זעלבע וועגן ווי ער איז געגאנגען פריער (רש"י שם), 'מנגב ועד בית אל עד המקום אשר היה שם אהלה בתחלה', צו דעם פלאץ וואו ער

האט געהאט דארט פריער זיין געצעלט, 'בין בית אל ובין העי', דא שטייט אויך אהלה שטייט מיט א ה"א. דא זאגט רש"י גארנישט. ווען ער איז צוריק געגאנגען האט ער דאך שוין געהאט צוויי אוהלים, האט ער געהאט זיין אוהל מיט איר אוהל, פונדעסטוועגן דאך שטייט אין פסוק אז ער איז צוריק געגאנגען 'אל המקום אשר היה שם אהלה בתחלה', 'אהלה' - דאס איז געווען איר געצעלט. ער האט דאך שוין געהאט זיין געצעלט אויך דארטן, וואס איז דער פסוק נאכאמאל מדגיש, אז ער איז צוריק געגאנגען צו דעם פלאץ וואו עס איז געווען דארט אהלה?

**אין** די גמרא שטייט (סוטה יב.) כל הנושא אשה לשם שמים מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה. אז מען האט חתונה ערליך, מען נעמט א אשה לשם שמים, טוט די תורה מחשיב זיין כאילו ילדה. מען קען חתונה האבן וועגן פארשידענע סיבות, און אז א מענטש האט חתונה ערליך לשם שמים, האט עס א חשיבות. פארוואס רופט מען עס אן "ער האט חתונה לשם שמים"? ער האט געדארפט זאגן ער האט חתונה לשם מצוה, ער טוט וועגן דעם דער אויבערשטער האט מצווה געווען 'פרו ורבו' (בראשית א-כח), צוליב דעם האט ער חתונה, פארוואס זאגט מען דעם לשון אז ער איז נושא אישה 'לשם שמים', דעם נאמען פון 'שמים'?

**קען** זיין דער פשט דערפון איז, עס איז מיר אויסגעקומען די וואך צו רעדן ביי די חבורה פון "ובהם נהגה" מען האט מסיים געווען מסכת יבמות אין לעיקוואוד. האב איך נאכגעזאגט א ווארט דארט, איך וועל איבערזאגן די ווארט און ממשיך זיין דערמיט. מען זעהט אז ווען דער אויבערשטער האט באשאפן דעם הימל האט ער גענומען אש ומים און פון דעם האט ער צוזאמגעשטעלט די הימל, די הימל באשטייט פון צוויי זאכן, פון פייער און פון וואסער, וועגן דעם הייסט עס 'שמים' (רש"י בראשית א-ח), מים איז אויפן וואסער, און די שי"ן דאס איז דער שי"ן פון אש, 'שמים' – ווייל פון אש ומים איז צוזאמגעשטעלט געווארן דער הימל. און עס איז דאך א געוואלדיגע חידוש אז די הימל האלט זיך, אש ומים איז דאך נישט במציאות אז די צוויי זאכן זאלן זיין צוזאמען, אדער טוט די מים אויסלעשן די אש, אדער טוט די אש אויסוועפן דעם וואסער. אבער עס זאל קענען זיין אש ומים עס זאל זיך האלטן איז נישט על פי דרך הטבע. אבער דער אויבערשטער האט באשאפן אזוי דעם שמים, און אויף דעם זאגט מען 'עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו', דער באשעפער מאכט שלום במרומיו אש ומים צוזאמען (איוב כה-ב וברש"י שם), בעטן מיר, די זעלבע זאל מאכן דער אויבערשטער שלום אויף אונז אויך.

**די** קשיא איז אבער, אז אויב עס איז צאמגעשטעלט פון אש ומים, וואלט עס געדארפט הייסן 'אשמים' נאך א אל"ף, אש מים, און דעם אל"ף האט מען אוועקגענומען דער באשעפער האט עס א נאמען געגעבן, 'ויקרא אלקים לרקיע שמים' (בראשית א-ח) אנעם אל"ף, פארוואס האט מען אוועקגענומען דעם אל"ף פונעם אש?

**נאר** אז מען וויל לעבן בשלום, פייער מיט וואסער, די גרעסטע שונאים איינער פארן צווייטן, און אז מען וויל זיי צאמשטעלן צוזאמען, דארף איינער קענען מוותר זיין פארן צווייטן, אז ער איז מוותר פארן צווייטן, קען מען לעבן צוזאמען. אז מען וויל נישט מוותר זיין, דעמאלטס איז א מחלוקת און א שנאה. ביז ווילאנג דער אש געבט נישט עפעס אוועק פון זיך, קען ער נישט זיין צוזאמען מיטן מים און מאכן דערפון א הימל! ווען דער אש איז מוותר, ער געבט עפעס אוועק פון זיך, קען געשטעלט ווערן דערפון פייער און וואסער קענען לעבן צוזאמען, שמים.

**שטעלט** זיך אבער די קשיא, נו יעדער פארשטייט אז מען דארף מוותר זיין, אבער פארוואס דארף דער אש מוותר זיין, זאל דער מים מוותר זיין? די מים איז דאך דריי אותיות, און דער אש איז דאך נאר צוויי אותיות, דער מים האט צוויי מ"ם'ס זאל מען עס א נאמען 'אשמי' זאל הייסן דער הימל? דער וואסער זאל מוותר זיין.

**נאר** דער וואס איז פייער דער דארף מוותר זיין. דער וואסער איז שטיל רוהיג, ער דארף נישט

מוותר זיין, דער קאכעדיגער וואס איז דא, דער דארף אוועקגעבן פון זיך כדי אז עס זאל קענען זיין 'שמים'. און וויפיל דארף ער אוועקגעבן? ער דארף אוועקגעבן פון זיך פופציג פראצענט! פונעם אש האט מען אראפגעהאקט דעם גאנצן אל"ף, ווען ער געבט זיך אוועק פאר'ן שמים, ארבעט עס צוזאמען. אפילו ווען דער מים איז נישט גרייט מוותר צו זיין גארנישט. ער האט דריי אותיות, פון מיך זאלסטו נישט רירן - דארף דער אש האבן שכל אוועקצונעמען פון זיך דעם אל"ף, איך בין מוותר, און אזוי לעבט 'שמים' צוזאמען. 'עושה שלום במרומיו' אזיווי דער אויבערשטער מאכט שלום אויבן אין הימל, ער האט צוזאמגעשטעלט 'שמים', און דער אל"ף האט מוותר געווען און עס איז געווארן א שטאנדהעפטיגער שמים, אזוי וועט דער אויבערשטער מאכן, 'יעשה שלום עלינו', זאל דער באשעפער מאכן ביי אונז אויך. אונז ווילן האבן שלום דארף מען קענען מוותר זיין איינער פאר'ן צווייטן, אפילו יענער איז נישט מוותר, דאך דארף דער פייער מוותר זיין עס זאל קענען זיין צוזאמען.

**די** גרעסטע מאס וויתור וואס איז דא ביי א מענטש איז ביי נישואין ווען מען האט חתונה. כשם שאין פרצופיהם שוות כך אין דיעותהם שוות (ברכות נח.), מענטשן זענען נישט איינִיג, און מאן און ווייב זענען אוודאי נישט איינִיג, צוויי נאטורן וכדומה און מען דארף לעבן צוזאמען מיט אהבה ואחוה ושלום וריעות. וויאזוי קען מען דאס צאמשטעלן? דאס איז נאר אז מען איז גרייט מוותר צו זיין! דער אש, דער ברענעדיגער דארף פון זיך אוועקגעבן פופציג פראצענט מוותר זיין, קען ווערן דערפון אן אחדות, אז מען זאל זיך קענען האלטן צוזאמען.

**דאס** איז דער פשט, כל הנושא אשה 'לשם שמים', דער וואס האט חתונה און ער נעמט אין קאפ אריין דעם נאמען פון 'שמים', אז דער שמים האט דער אויבערשטער צאמגעשטעלט פייער מיט וואסער און זיי האלטן זיך צוזאמען, ווייל איינער איז מוותר פארן צווייטן, דער וואס איז נושא אשה לשם 'שמים' וועט ער האבן נאכדעם אזא לעבן כאילו ילדה, ווי עס וואלט געווען ממש א מאמע מיט א קינד. ווען א מענטש ווייסט אז מען דארף מוותר זיין, דעמאלטס קען זיין אז עס זאל זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות וואס עס פעלט זיך אויס אין א שטוב. — דאס האט מען מדגיש געווען, ער איז נושא אשה 'לשם שמים' - די נאמען פון 'שמים', דאס דארף זיין דער סימבאל פאר דיר אינעם לעבן. לעבן פייער מיט וואסער צוזאמען? מען קען! ווען דו ווערסט מוותר זיין! אז מען איז נישט מוותר איז עס פייער און וואסער.. עס האלט זיך נישט. הנושא אשה לשם שמים דאס איז א שידוך וואס עס האלט זיך.

**אברהם** אבינו האט חתונה געהאט מיט שרה און דער אויבערשטער זאגט אים 'לך לך מארצך' (בראשית יב-א) הייב דיך אויף לאז איבער דעם פלאץ וואו דו וואוינסט, און גיי 'אל הארץ אשר אראך'. אברהם איז מחויב צו פאלגן, דער אויבערשטער האט אים געהייסן ער זאל אוועקגיין. שרה האט מען נישט געהייסן אז זי דארף אוועקגיין פון איר פלאץ, עס איז נישט געווען קיין ציווי נאר פאר אברהם אליין. שרה איז נישט געווען מחויב אוועקצוגיין. און פונדעסטוועגן דאך האט שרה איבערגעלאזט די פלאץ וואו זי איז אויפגעוואקסן, און געוואוינט אלע אירע יארן, און זי איז מיטגעגאנגען מיט אברהם. זי איז נישט געווען מחויב געווען צו גיין, און עס איז נישט אזוי גרינג צו גיין, ביז זי האט זיך גערארפט צוזאמפאקן אירע פעקלעך, און אריבערגיין זיך באזעצן אין א צווייטן מקום. שטייט אין די גמרא, א משנה אין מסכת כתובות צום סוף (קי.) אז שלש ארצות לנישואין, אז מען קען נישט צווינגען א פרוי אוועקצוגיין פון איין לאנד צום צווייטן לאנד. ער וויל אוועקגיין פון דא וואוינען אויף קאנאדא, ער קען נישט, אויב זי איז נישט מסכים אוועקצוגיין. מען קען נישט צווינגען נאר אין די מדינה אליין קען מען צווינגען צו גיין פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, אויך נאר פון א עיר צו א עיר, און פון א כרך צו א כרך. ממילא דער אויבערשטער האט געהייסן פאר אברהם 'לך לך מארצך', איז עס נאך נישט מחייב אז זי זאל אויך גיין.

**עס** שטייט אין זוה"ק (ח"א עט.), אז שרה האט נישט געוואלט גיין, אברהם אבינו האט גענומען בדברים,

'ויקח אברם את שרי אשתו' (בראשית יב-ה) לקחה בדברים, ער האט איר געדארפט מפייס זיין אז זי זאל וועלן מיטקומען צוזאמען מיט אים, זי איז דאך נישט געווען מחויב צו גיין. שטייט אין משך חכמה פונעם אור שמח (שם), פארוואס האט ער איר געדארפט בעטן, די הלכה איז דאך (כתובות קי:) הכל מעלין לארץ ישראל, אפילו ערגעץ אנדערש קען מען נישט צווינגען, אבער אויף ארץ ישראל קען א מאן צווינגען די ווייב אז זי זאל גיין, נו פארוואס האט געדארפט זיין לקחה בדברים? טוט אויף דער אור שמח, און ער זאגט אז דאס איז נאר געזאגט געווארן פון נאכדעם וואס אברהם אבינו האט מקיים געווען דעם ציווי פון 'קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה' (בראשית יג-יז), ער האט שוין כובש געווען ארץ ישראל האט עס באקומען א קדושה, פון דעמאלטס אן איז די הלכה אז הכל מעלין לארץ ישראל, אבער פאר דעם איז נישט געווען אזא הלכה. - האט זי נישט געדארפט גיין. אבער א אשה כשירה איז עושה רצון בעלה (תנא דבי אליהו רבה פ"ט), אז איר מאן אברהם גייט, איז זי מיטגעגאנגען.

**אברהם** האט געדענקט איר חסד, אברהם איז געווען דער געוואלדיגער מכיר טוב, דער געוואלדיגער בעל מדות, ער האט זיך שפעטער מוסר נפש געווען פאר לוט ווייל לוט האט אים געטוען א טובה, זאגט דער רמב"ן (בראישת יט-כט), ער איז מיטגעגאנגען מיט אים אונטערוועגנס. ער איז גרייט זיך צו מוסר נפש זיין, פירן א מלחמה ער מיט אליעזר איז מסירת נפש ממש! אבער פאר א הכרת הטוב האט ער געהאט מסירת נפש!

**אברהם** איז אוועקגעגאנגען מיט שרה, און שרה האט מסכים געווען מיטצוגיין צוזאמען מיט אים, איז ווען עס איז געקומען אויפצושטעלן א אוהל, 'ויט אהלה' האט ער אויפגעשטעלט קודם איר אוהל, און נאכדעם האט ער אויפגעשטעלט אוהלו, זי האט קרעדיט, זי האט נישט געדארפט מיטקומען, און פונדעסטוועגן דאך איז זי געווען אן עזר, 'אעשה לו עזר כנגדו' (בראשית ב-יח) זי איז אן עזר לבעלה, דער מאן האט א ציווי צו גיין, זי גייט אים נישט איבער לאזן צו גיין אליין, מיט די אלע שוועריקייטן איז זי מיטגעגאנגען, ממילא האט ער אויפגעשטעלט איר אוהל קודם.

**שפעטער** ווען ער איז ארויפגעקומען צוריק קיין ארץ ישראל פון מצרים, שטייט אין פסוק (בראשית יג-ב) 'ואברם כבד מאד במקנה ובכסף ובזהב', ער איז צוריק געקומען מיט אן עשירות. די גמרא זאגט דאך (בבא מציעא נט.) אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו. אז מען געבט כבוד אין שטוב מען געבט כבוד פארן ווייב, ברענגט עס עשירות אין שטוב, שנאמר (בראשית יב-טז) 'ולאברם הטיב בעבורה', דער אויבערשטער האט פאר אברם מטיב געווען 'בעבורה' וועגן איר. פשוט פשט איז 'ולאברם הטיב' אז פרעה האט מטיב געווען פאר אברהם וועגן שרה, אבער די גמרא דרשנ'ט אז דאס וואס פרעה האט געגעבן פאר אברהם אזא גרויס פארמעגן 'ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב', דאס איז געווען אין איר זכות, זאגט די גמרא אוקירו לנשייכו מען דארף געבן כבוד אין שטוב, כי היכי דתתעתרו מען זאל ווערן רייך.

**אברהם** אבינו האט תולה געווען אז דאס וואס ער איז געווארן פון איין מינוט אויפן אנדערן מינוט אזא גרויסן עושר, 'אברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב', דאס האט אים דער אויבערשטער באצאלט ווייל ער האט קודם אויפגעשטעלט איר אוהל, ער האט איר מכבד געווען יותר מגופו, ער האט איר מכבד געווען מער פון זיך אליין, איז וועגן דעם האט ער זוכה געווען אז 'אברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב'.

**ממילא** נאכדעם וואס ער איז ארויסגעגאנגען רייכערהייט פון מצרים, 'וילך למסעיו' און אברהם איז צוריק געגאנגען למסעיו, איז ער געגאנגען 'עד המקום אשר היה שם אהלה בתחלה', וואו ער האט אויפגעשטעלט איר אוהל בתחלה, ער האט געגעבן כבוד פאר איר, ער האט איר אויפגעשטעלט איר אוהל פאר זיינס, דאס האט אים געברענגט אז 'אברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב'.

**און** דאס איז ביי יעדן אידישן שידוך. אן ערליכער שידוך, מען איז מתפלל אז עס זאל זיין שלום בית אין יעדע שטוב, אהבה ואחוה ושלום וריעות, דאס גייט נאר אויב מען לערנט זיך אויס אז מען דארף איינער מוותר זיין פארן צווייטן. א אשה כשירה

איז עושה רצון בעלה, עס קומט אמאל שוועריקייטן, און פונדעסוועגן דאך אז דער מאן וויל געבט זי נאך, און אמאל קומט אויס ווי ער דארף איר מכבד זיין, נאכגעבן איר רצון און זעהן וויאזוי ער קען איר ארויסהעלפן, ער דארף א אוהל און זי דארף א אוהל, מען איז מוותר אויף זיך און מען געבט אוועק פאר א צווייטן. — ווען א חתן געבט אוועק פון זיך, און אזוי אויך די כלה איז גרייט אוועקצוגעבן פון זיך, דאס איז "שמים" דאס ווערט גערעכנט הנושא אשה לשם שמים, און דאס איז אזא שידוך וואס איז מעלה עליו הכתוב כאילו ילדה.

**ב"ה** ביי דעם שידוך, איין זייט קען איך, די כלה. כלה נאה וחסודה, וואס איז נתגדל געווארן אין אזא חשוב'ע שטוב פון מיין זון רבי משה מרדכי שליט"א מיט זיין בני בית שתחי' וואס איז א מחנכת פאר אנדערע, איז דאך כל שכן אז זי איז א מחנכת פאר די אייגענע שטוב. איז צום האפן אז די חשוב'ע כלה שתחי' וועט זיין א ריכטיגע עזר כנגדו וואס זי וועט גיין מיטן מאן און טוען זיין רצון וואס עס וועט אויספעלן. פון די אנדערע זייט, דער חתן, רעדט מען די שיינע מדות וואס דער חתן האט, וואס דער חתן פארשטייט אז אהלה קומט פאר אוהלו, אזויווי אברהם האט געטוען, און דעמאלטס ווען עס איז דא פון ביידע צדדים אזא עזר כנגדו, איין זייט העלפט ארויס פאר די אנדערע זייט, דעמאלטס איז דא צו האפן אז מען שטעלט אויף אן ערליכע שטוב, א בית נאמן בישראל.

**דער** חתן האט געטראפן זייער א חשוב'ן שידוך, עס שפילט דאך יעצט די לאטערי וואס איז זייער הויעך יעצט, אבער דער שידוך וואס ער האט געטראפן איז מער ווי א לאטערי! א לאטערי איז נאר אויף די פאר יאר וואס מען דרייט זיך ארום אויף דעם עולם, נאכדעם האט מען דערפון גארנישט, אבער א שידוך אז מען טרעפט א זאך וואס איז צוגעפאסט, איז דאס א זאך וואס בלייבט לעולם ועד ולנצח נצחים, קינדער אייניקלעך וואס ווערן אויפגעשטעלט פון א ערליכע אידישע שטוב האט דאך נישט קיין שיעור און קיין ערך!

**די** זעלבע איז ביי די כלה, האט געטראפן אויך א בחור א מופלג בתורה און יראת שמים, ווי מען גייט און ווי מען שטייט הערט מען נאר ווי מען רימט דעם חתן מיט זיינע מדות טובות, און התמדת התורה און זיינע ידיעות התורה.

**וויל** איך נאר אזויפיל וואונטשן, דער אויבערשטער זאל זיי געבן זיי זאלן קענען אויפשטעלן צוזאמען א בית נאמן בישראל, א ערליכע אידישע שטוב, עס זאל זיין הנושא אשה לשם שמים, און הנושא אשה לשם שמים איז מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה.

**דער** באשעפער זאל געבן זיי זאלן אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, די עלטערן פון ביידע צדדים, די זיידעס און די עלטער זיידעס אויבן אין הימל זאלן זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אונז אלע, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

**איך** וויל עקסטער באדאנקען אלע חשוב'ע גוטע פריינד וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין אין די שמחה, א טייל זענען געקומען פון די ווייטנס, מען געבט אוועק צייט זיך מיטצופרייען איינער מיטן אנדערן שמחות, זאל דער באשעפער באצאלן אי"ה ביי ענק זאל זיין שמחות ונחת בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און אונז אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.